בס"ד

# מאירות עינים

שיעורי מורינו כ"ק הגה"צ המשפיע
אבדק"ק סיקסא שליט"א

מאמר

## סעלפ-קאנפידענס

על-פי תורה

בס"ד

יצא לאור על ידי:

# מכון פנים מאירות

מכון להפצת שיעורי מורינו
הגה"צ אב"ד סיקסא שליט"א

**Punim Meiros**
76 Grove St. Monsey N.Y. 10952
F: 718-228-2454

## קול פנים מאירות

USA: 845-414-0076
E. Israel: 0-72-360-1823
England: 330-350-3190
E: gilyonospm@gmail.com

הרוצה לקבל גליון השבוע 'א ליכטיגן תמיד' או גליון השבועי 'מאר הפרשה' בכל שבוע, או קונטרסים שונים המופיעים מפעם לפעם באימייל נא לשלוח אימייל לאדרעסס:
gilyonospm@gmail.com
ולכתוב אימייל אדרעסס שלו ואי"ה נוסיפו לרשימת המקבלים.

להערות ולנדב יכולים להתקשר להמערכת על המספרים הנ"ל ואח"כ:
99#
או: punimmeiros@gmail.com

# 'סעלף-קאנפידענס' על-פי תורה

אונז גיי מיר געבן א שיעור בס"ד בעזה"י אויף די ענין וואס עס רופט זיך: **'סעלף-קאנפידענץ'/'זעלבסט-זיכערקייט'/'ביטוח-עצמי'**.

## די שטודירטע וועג איז היפך התורה און קעגן די תורה

היינט, אין די שטאדירטע וועלט, פארקויפט מען זייער שטארק דאס ענין פון **'סעלף-קאנפידענץ'**. אונז וויל מיר מסביר זיין אז די וועג וויאזוי די שטאדירטע וועלט האט אוועקגעשטעלט דאס ענין פון 'סעלף-קאנפידענץ' איז קעגן די תורה, עס איז נישט אויסגעהאלטן, און עס ברענגט בכלל נישט קיין רווחים פאר אונז תורה'דיגע ערליכע אידן.

ווען מען קוקט זיך ארום וואס די 'סעלף-קאנפידענץ' איז אלס גורם פראבלעמען ביי כלל ישראל, איז עס זייער א שטארקע. די ערשטע זאך, איז עס אן ענין פון חסרון אמונה, **'כוחי ועוצם ידי'**. ביי אונז אידן האט מען געוואוסט, אז **'גיאות'** איז די ערגסטע זאך. **'כוחי ועוצם ידי' איז כפירה ממש רח"ל ח"ו**. פון די אנדערע זייט ברענגט עס א פראבלעם אז די מענטשן באקומען 'סעלף-קאנפידענץ', מען קען זיין א מחוצף פאר א טאטע/מאמע, מען איז עובר אויף די הארבסטע הלכות פון כיבוד אב ואם. מען האט 'סעלף-קאנפידענץ' און מען טוט וויי חברים, משפחה מיטגלידער, א מאן, ווייב, זיידע, באבע, ארבעטער, ארבעטסגעבער, "איך האב דאך 'סעלף-קאנפידענץ', איך האב מיך אויסגעלערנט זיך אננעמען פאר מיר, פאר מיינע רעכטן, מיינע כוחות!". **די**

**שטאדירטע וועג, איז היפך התורה, היפך השכל, און עס טוט באמת גארנישט אויף, עס לייגט נאר קאליע מתחילה ועד סוף.**

## די אמונה פון א איד - איך בין ביד הקב"ה

לאמיר אנהייבן, מיט ברענגן די מקור, אויף וואס מיר בויען די תורה'דיגע 'סעלף-קאנפידענץ': די גמרא ברענגט (שבת לא) צווישן די ל"ט אבות מלאכות שבת איז דא '**סותר-צעווארפן**'. ווען איינער צענעמט לאמיר זאגן א הויז, כדי עובר צו זיין אויף די מלאכה פון סותר, דארף עס זיין **על מנת לבנות במקומו**, אז ער האט אינזין נישט מקלקל צו זיין, נישט צו פארדארבן, סתם צעווארפן, נאר אין די זעלבע פלאץ דא, גייט ער אויפבויען עפעס אנדערש, דאס איז טייטש ער איז נישט קיין מקלקל, ער לייגט נישט קאליע ער צעווארפט צו בויען. אבער, טאמער איינער צענעמט דא מיטן חשבון צו בויען ערגעץ אנדערש, איז ער נישט עובר די מלאכה דאורייתא - אוודאי מדרבנן איז ער עובר, און עס איז דא אב מלאכות און עס איז דא תולדות, אבער מיסודי די מלאכה פון סותר איז - נאר אויב עס איז **על מנת**, אויפן תנאי, **לבנות במקומו**, דא אויף די פלאץ גייט ער אויפבויען צוריק, מיט דעם איז ער נישט קיין מקלקל, דאס איז די אב מלאכה פון סותר.

פרעגט רבי **נפתלי טראפ** ז"ל און אנדערע מפרשים, פון וואו לערנט מען ארויס די ל"ט אבות מלאכות? פון די מלאכת המשכן! וואו איז געווען סותר אין די משכן? די משכן האט מען צענומען! ווען האט מען צענומען די משכן? ווען מען האט געדארפט גיין פון איין פלאץ צום צווייטן, דער הייליגער באשעפער האט געזאגט, עס איז גענוג געווען אין די פלאץ, מען וועט גיין צו א צווייטער פלאץ. 42 מסעות איז די משכן געגאנגן מיט כלל ישראל. יעדע מאל מען האט צענומען די משכן, האט מען עס אויפגעבויעט אין א צווייטן פלאץ, מען האט עס נישט אויפגעבויעט אויפן זעלבען פלאץ, ווייל מען האט עס צענומען מיטן

חשבון אז מען דארף גיין אין א צווייטע פלאץ. אויב אזוי, וואלט מען פון די משכן יא געדארפט ארויסלערנען, אז סותר על מנת לבנות במקום אחר, צו צענעמען מיט'ן חשבון צו אויפבויען אויף א צווייטן פלאץ, איז חייב, ווייל אזוי איז געווען ביי די משכן?

ענטפערט רבי נפתלי טראפ - אנדערע מפרשים ברענגן עס אויך - מיט א משל: א מענטש פאר זיך ווען ער איז אין איין שטאט, און ער גייט אין א צווייטע שטאט, קומט אויס ער איז אוועק פון איין פלאץ, און געגאנגן אין א צווייטע פלאץ. די ערשטע מיט די צווייטע איז נישט די זעלבע, עס איז אן אנדערע שטאט, אן אנדערע סארט לעבן, אלעס איז אנדערש. א קליין קינד וואס די מאמע האלט אין די האנט, און זי פארט מיט אים פון איין שטאט צום צווייטן, די קינד זעהט נישט קיין שום חילוק וואו עס איז, ווייל די ס"ה פון די קינד איז: "איך בין אויף מיין מאמעס ארעם, מיין מאמע האלט מיך!". פאר די קינד איז באמת נישט קיין חילוק, צווישן איין שטאט אינעם צווייטן, ווייל די קינד איז נישט אין די שטאט אדער יענע שטאט, די קינד איז אין די ארעמעס פון די מאמע.

ווען א מענטש וואוינט אויף א פלאץ און ער איז נישט צופרידן, און ער זעהט מער הצלחה אין א צווייטן פלאץ, גייט ער אוועק פון די פלאץ, ווייל ער וויל נישט דא זיין, ער וויל זיין אין א צווייטן פלאץ. קומט אויס אז די פלאץ וויל ער מקלקל זיין, ער וויל עס מאכן נישט גוט, ווייל איך האב עס נישט ליב, ווייל עס איז נישט באקוועם פאר מיר, עס איז נישט מוצלח פאר מיר, און איך וויל גיין אויף א צווייטן פלאץ. דארט וועט זיין מער מוצלח. ממילא סותר איז מען נאר חייב אויב איך צענעם עס כדי צו מאכן די פלאץ מער מוצלח. קומט אויס אז די תיקון איז געווען לשם הצלחה דא, נישט אין די פריערדיגע פלאץ. טאמער א מענטש לעבט אין 'כוחי ועוצם ידי' איך גיי און איך קום, איז יעדע

פלאץ און אנדערע דערהער. אבער ווען א איד ווייסט אז איך בין אינגאנצן אין די האנט פון הקב"ה, איך בין 'כגמול עלי אמו', איך בין אינגאנצן אין די ארעמעס פונעם הייליגן באשעפער, איך גיי אין ערגעץ נישט, איך קום אין ערגעץ נישט, איבעראל וואו איך בין, בין איך אין די זעלבע פלאץ, אין די האנט פון הקב"ה. איז די גאנצע וועלט איין פלאץ. אזוי ווי א קינד אין די ארעמעס פון די מאמע.

כלל ישראל אין די מדבר איז געווען אזוי נאנט צו דער אייבערשטער, די דור דעה האבן געלעבט מיט אזא אמונה, זיי האבן נישט געהאט קיין ברויט - זיי האבן געהאט מן. זיי האבן נישט געהאט קיין קוואל-וואסער - זיי האבן געהאט די בארה של מרים. זיי האבן נישט געלעבט קיין שום אייגענע ווערטשאפט, זיי זענען געווען בטל ומבוטל צום רצון ה' עד הסוף. ממילא, ביי די אידן אין די מדבר, איז דאס גיין פון איין מסע צו די צווייטע מסע, ויסעו ויחנו, געווען ביי זיי כאילו מען איז אין די זעלבע פלאץ, ווייל זיי זענען געווען ס"ה ארומגענומען אין די ענני הכבוד, אין די האנט פונעם הייליגן באשעפער, און זיי האבן נישט מרגיש געווען קיין שום חילוק צווישן די פלאץ און די פלאץ.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דאס טייטשט אפ די אמונה פון א איד.

די אמונה פון א איד איז: איך בין אינעם האנט פונעם אייבערשטן. די 'סעלף-קאנפידענץ' פון א איד, די 'זעלבסט-זיכערקייט'פון א איד, איז, נישט 'איך קען', איך קען נישט. איך וויס נישט. איך האב נישט. איך דארף נישט. איך בין אין די האנט פונעם אייבערשטער, דער הייליגער בורא כל עולמים, דער כל יכול. און ממילא, האב איך אלעס. נישט ווייל איך. איך. איך. נאר, ווייל איך בין אזוי נאנט צו דער אייבערשטער, און איך האב אזא אמונה אז אלעס אין מיין לעבן איז בידו, אין די האנט פונעם הייליגן באשעפער, אז דורך די אמונה האב איך אלעס. אבער נישט ווייל 'איך קען'.

די אידן אין די מדבר האט דער הייליגער באשעפער אויסגעלערנט: דו קענסט גארנישט. דו עסט ברויט פון הימל. דו טרינקסט וואסער פון הימל. דיינע וועש ווערן אויסגעוואשן און געביגלט פון הימל. אלע דיינע געברויכן ווערן הונדערט פראצענט צוגעשטעלט פונעם הייליגן באשעפער. און וואו דו גייסט, און וואו דו שטייסט, ביסטו אויף די זעלבע מצב, ווייל מען דארף נישט דיין עבודה, און גארנישט פון דיר. ביסט אינגאנצן בידו של הקב"ה.

דאס איז די 'סעלף-קאנפידענץ', וואס דער הייליגער באשעפער האט אונז מחנך געווען גלייך נאך יציאת מצרים, אלץ הכנה אריינצוגיין קיין ארץ ישראל. און 'די גאנג' האבן מיר מיטגענומען אפילו ווען מיר זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל, און עס איז שוין נישט געווען קיין מן. עס איז נישט געווען די בארה של מרים. עס איז שוין נישט געווען די ענני הכבוד. עס איז שוין געווען נסיונות פון 'איש על מחנהו ואיש על דגלו'. יעדער האט באקומען זיינע פעלדער און וועלדער. זיין עבודה צו ארבעט'ן און טוהן פעולות צו אויפבויען די גשמיות'דיגע וועלט. אבער מיר האבן מיטגעברענגט די אמונה. נישט אונז גיי מיר פלאנצן. נישט אונז גיי מיר שערן וואל. נישט אונז גיי מיר מאכן קליידער. נישט אונז גיי מיר באקן ברויט. אונז טוהן עס בשלוחותו של הקב"ה. אונז זענען אינגאנצן אינעם האנט פונעם הייליגן באשעפער. דאס איז אונזער 'סעלף-קאנפידענץ'. אונזער 'זעלבסט-זיכערקייט'. איך קען גארנישט. איך ווייס גארנישט. און איך טוה גארנישט. אבער איך בין א 'בן מלך'. איך בין אן 'עבד נאמן לה' ולתורתו'. און איך גלייב באמונה פשוטה, אז 'טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו'. איך בין אינגאנצן איבערגעגעבן אין די ארעמעס פון הקב"ה. בטל רצונך מפני רצונו, און ממילא, קען איך יא אלעס. נישט ווייל איך האב כוחות. ווייל דער הייליגער באשעפער גיט מיר כוחות. און ער העלפט מיר, און ער טוט אלעס.

אין פרק (אבות פ"ב מ"ד) שטייט: **הוא היה אומר: עשה רצונו כרצוניך, בטל רצונך בפני רצונו.** זאגט רבי **יצחק אבוהב** ז"ל (דער צווייטער; פון גלות שפאניע) אין ספר **מגן אלקים** א געוואלדיגע זאך: א מענטש זאל קיינמאל נישט זאגן: איך וויל טוהן, און איך וועל טוהן. איך טוה, און איך האב געטוהן. א מענטש דארף שטענדיג זאגן אזוי. **הוא היה אומר.** אזוי דארף מען זאגן. **עשה רצונו,** טוה די רצון פונעם אייבערשט'ן. **כרצוניך** - ווען דו האסט א רצון זאג אזוי: איך גיי דאס טוהן. ווען? ווען דער הייליגער באשעפער וועט מיר געבן א געשמאק און השגות, און עס וועט מיר איינפאלן, און איך וועל האבן די געפילן, און די גיסטע עס צו טוהן. נישט ווען איך וועל וועלן. ווייל איך האב נישט קיין רצונות. מיינע רצונות זענען אינגאנצן בטל צו די רצון ה'. א איד דארף שטענדיג זאגן **אי"ה**, און דער הייליגער באשעפער וועט העלפן.ווען א איד באקומט א שאלה פון איינעם:

"וויאזוי האסטו געקענט מצליח זיין אין ביזנעס אזוי שיין?"

זיין תירוץ דארף זיין: "איך בין מצליח אין ביזנעס?! איך בין נישט מצליח אין ביזנעס! דער הייליגער באשעפער שיקט מיר ביזנעס, שיקט מיר פרנסה!!".

"וואס האסטו אבער געטראכט?"

"איך טראכט נישט, דער הייליגער באשעפער האט אריינגעלייגט אין מיין קאפ א מהלך המחשבה צו טראכטן!".

"וויאזוי האסטו פארשטאנען צו טוהן דאס און דאס, אז דו האסט מצליח געווען?!"

"איך האב טאקע נישט פארשטאנען, איך האב געהאט סייעתא דשמיא, איך האב געדאווענט צום אייבערשטן **היה נא ה' מצליח דרכי,** איך האב געזאגט

תהלים, איך האב געגעבן צדקה, איך האב געמאכט סגולות, און איך האב געגלייבט אינעם אייבערשט'ן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן!".

"וואס קענסטו מיר אויסלערנען אז איך זאל טוהן אין מיין ביזנעס מצליח צו זיין?"

"די ערשטע זאך, זאלסטו גלייבן אז דו קענסט גארנישט טוהן, דו דארפסט גארנישט טוהן, אונז זענען בני מלכים, אונז זענען מאמינים בני מאמינים, און אלעס טוט דער אייבערשטער, דו קענסט טוהן די שענסטע און בעסטע זאכן און נישט מצליח זיין, און דו קענסט טוהן די נארישסטע זאכן און מורא'דיג מצליח זיין. הצלחה איז אין די האנט פון דער אייבערשטער. אבער איך קען דיר זאגן וואס דער הייליגער באשעפער האט מיר געמאכט טראכטן. און וואס איך האב געטראכט. און וואס דער הייליגער באשעפער האט צוגעפירט אז איך זאל טוהן, און איך האב עס געטוהן, און דער הייליגער באשעפער האט אריינגעלייגט הצלחה אין דעם. קענסט עס אויך פראבירן. אבער דו דארפסט דאווענען, דו דארפסט גלייבן אינעם אייבערשטן, און ווען דער אייבערשטער וועט דיר געבן דאס געפיל דערצו, און דאס פארשטאנד דערצו, די השגות צו דעם, און די שכל צו דעם, דעמאלסט זאלסטו עס טוהן. אויב דער הייליגער באשעפער גיבט דיר אנדערע השגות, אנדערע שכל, און אנדערע פארשטאנד, טוה עפעס אנדערש. ווייל אונז טוה מיר נישט, דער הייליגער באשעפער טוט!".

אט די 'סעלף-קאנפידענץ' איז אזא געלונגענע. און אזא שטארקע. און אזוי אמת'דיג. אז א מענטש קען נישט אריינפאלן אין עצבות און מרא שחורה פאר קיין געלט אין די וועלט נישט. פארוואס ביסטו בעצבות? האסט אריינגעלייגט געלט אין א געשעפט און האסט פארלוירן די געלט? ווייסט פארוואס דו האסט פארלוירן? נישט ווייל דו ביסט אומטויגליך. ביסט זייער א טויגליכער מענטש. אבער דער אייבערשטער וויל נישט זאלסט מצליח זיין אויף די וועג, ער וויל

זאלסט מצליח זיין אויף א צווייט'ן וועג. רעדט צו דער אייבערשטער, בעט פונעם אייבערשטען, לעב מיט אמונה פשוטה אינעם הייליגן באשעפער, גלייב אז אין הימל איז אנגעשריבן פונקטלעך וואו און וויאזוי דו גייסט מצליח זיין, און וויבאלד דו ביסט אין די ארעמעס פונעם אייבערשטן, וואס דער הייליגער באשעפער איז א כל יכול, דער הייליגער באשעפער האט ליב יעדער איד, און יעדער איד אויף די וועלט איז דא אויף א תועלת, פאר א תכלית, און א תפקיד. דיין תפקיד דיין תכלית און דיין שליחות אויף די וועלט גייסטו טוהן מיט א געוואלדיגע הצלחה און מיט א געוואלדיגע סוקסעס, דו קענסט טוהן דיין תפקיד און דיין שליחות, ווייל דער הייליגער באשעפער גיבט דיר אין דעם סייעתא דשמיא, וויאזוי קענסטו ארייננפאלן אין עצבות?

"איך האב נישט קיין פרנסה, איך האב פראבירט עס איז נישט געגאנגן!". טראכט א מינוט: 'דו' פראבירסט נישט - אויב 'דו פראבירסט' אוודאי גייט עס נישט! ווער ביסטו צו פראבירן?!

ווען א מענטש וויל זיך מתגבר זיין, און שפירן באמת גוט אין לעבן, ווען א מענטש וויל באמת שפירן איך בין נישט קיין גארביטש, נישט קיין לא יצלח, קיין פעליער, קיין דורכפאל. דו ווייסט וועלכע 'זעלבסט-זיכערקייט' מחשבה ער דארף האבן וואס פאר א 'סעלף-קאנפידענץ' ער דארף האבן?

"איך בין אין די האנט פונעם אייבערשטן. און אז דער אייבערשטער וויל נישט גייט מיר גארנישט העלפן. איך האב נישט וועם צו מקנא צו זיין. ווייל ראובן מיין גוטער פריינט האט סייעתא דשמיא, אויף וואס ער איז באשאפן געווארן אויף דער וועלט. איך האב סייעתא דשמיא, אויף וואס איך בין באשאפן געווארן. איך האב נישט קיין אייגענע רצונות!".

אה! דו האסט אייגענע רצונות? דו ווילסט אנדערש ווי די רצון ה' איז? דאס איז נישט אמונה!! דאס גרעניצט זיך אפשר מיט כפירה! דו האסט אייגענע 'בלו-פרינט'ס' וויאזוי דער הייליגער באשעפער דארף דיר פירן אויף די וועלט. דאס גייט דיר נישט ברענגן 'סעלף-קאנפידענץ', דאס גייט דיר ברענגן עצבות און מרא שחורה, זיין אויף מעדעצינען, ייאוש, אויפגעבן.

**א איד גייט ארום מיט א שטאלץ!** אונז קענן מיר טוהן אלעס וואס דער הייליגער באשעפער וויל אונז זאלן טוהן, אונז זענען אינגאנצן אין די ארעמעס פונעם אייבערשטן, אונז פארלאז מיר זיך אויף אים, אונז האבן נישט מורא פון קיין דורכפאל, ווייל א דורכפאל איז די רצון ה', און איך ווייס אז מיין פרנסה, מיינע טאלאנטן, אלע מיינע הצלחות אין לעבן, ליגט בידו של הקב"ה. מיט מיין אמונה, מיין בטחון, מיינע תפילות, סגולות, און מעשים טובים, גיי איך אנקומען צו יעדע פלאץ אין די וועלט, וואו דער הייליגער באשעפער וויל איך זאל אנקומען, נישט וואו איך וויל אנקומען. איך בין גארנישט. אזוי שטייט אין די תורה, און אין אלע מוסר ספרים.

דער הייליגער רבי ר' הירש פון רימנוב זי"ע איז מאריך און מסביר די גאנצע דין-ודברים צווישן משה רבינו און די בני גד ובני ראובן, איז ער מסביר אזוי: משה רבינו האט געגעבן א מוסר דרשה פאר די בני גד און בני ראובן, ווייל זיי האבן געזאגט פאר משה רבינו: מיר ווילן בלייבן אין די מדבר, אין די עבר-הירדן, אבער אוודאי ווילן מיר זיך נישט ארויסדרייען פון מלחמה האלטן מיט די אידן וואס גייען אריין קיין ארץ ישראל. נאר אונז וועלן זיך אנגארטלען, אונז וועלן מיטגיין מיט אונזערע ברודער, אונז וועלן מלחמה האלטן. זיי האבן גערעדט פון 'זיך' פון 'אונזערע כוחות'.

האט זיי משה רבינו געזאגט: ניין! אם תעשון את הדבר הזה, אויב וועסט טוהן אזוי ווי איך זאג... וואס זאגסטו משה רבינו?! די זעלבע זאך, אבער אויף

אנדערע ווערטער: אם תחלצו **לפני ה'** למלחמה. עטס זאלסט זאגן אז מען גייט אין מלחמה מיטן אייבערשטענ'ס הילף, און משה רבינו האט אנגעפאנגן אריינלייגן דעם אייבערשטענ'ס נאמען, ער האט איבערגעזאגט די זעלבע זאך בערך, אבער מיטן נאמען פונעם אייבערשטן. ונכבשה הארץ **לפני ה'**, מען וועט איינעמען ארץ ישראל פארן אייבערשטן, דעמאלסט והייתם נקיים מפני ה', ואם לא תעשון כן, טאמער וועט עטס נישט דערמאנען דעם אייבערשטנס נאמען אויף יעדע זאך, עטס וועסט טראכטן מיט אייגענע 'סעלף-קאנפידענץ', אונז האבן כוחות. איך האב מיך געלערנט, אונז זענען שטארק, אונז זענען געלערנט, אונז זענען באהאווענט, אונז זענען באוואפנט, הנה חטאתם לה', האט עטס געזונדיגט מיט דעם וואס עטס דערמאנט נישט דעם אייבערשטנס נאמען. האבן טאקע די בני גד ובני ראובן איבערגעזאגט די זעלבע זאך, און אין יעדע זאך דערמאנט דעם נאמען פונעם אייבערשטן, ביז זיי האבן געזאגט: את אשר דבר ה' אל עבדיך כן נעשה, אונז וועלן אלעס טוהן וואס דער הייליגער באשעפער הייסט, אונז האבן נישט קיין אייגענע רצונות, אונזערע רצונות זענען די רצון ה'.

הייליגע לעכטיגע חשובע אידישע קינדער! די 'סעלף-קאנפידענץ' איז נישט גאות - עס איז הכנעה צו די תורה. צו די אייבערשטער. עס איז אמונה און בטחון, און פארזיכערונג אינעם בורא כל עולמים. דאס איז אונזער 'סעלף-קאנפידענץ'.

ממילא, אויב האט איך א פראבלעם מיט מיין טאטע/מאמע מיט מיין ווייב/מאן, ברודער/שוועסטער, שוואגער/שוועגערין, פעטער, שכן, ארבעטער/ארבעט'סגעבער, האב איך נישט קיין 'סעלף-קאנפידענץ' יענעם צו פארשעמען. פונקט פארקערט! איך האב א 'סעלף-קאנפידענץ' א 'זעלבסט-זיכערקייט', אז איך דארף יענעם נישט פארשעמען, ווייל אז די תורה זאגט אז

איך טאר נישט פארשעמען, און איך היט די תורה, בין איך זיכער אז דער הייליגער באשעפער וועט מיר העלפן, און ער וועט אלעס טוהן אז עס זאל מיך זיין גוט אן פארשעמען יענעם, דאס איז מיין 'סעלף-קאנפידענץ'. איך גיי מיר נישט לאזן פון די שטודירטע יצר הרע'ס, אז מען מעג ווי טוהן א מענטש פאר 'סעלף-קאנפידענץ'. ניין, מען טאר נישט! איך גלייב באמונה פשוטה, אז ווען עס שטייט אין די תורה 'כבד את אביך ואת אמיך' און עס איז אזא הארבע זאך אין די תורה, איך גיי דאס מקיים זיין מיט אלע הידורים, איך גיי אויף דעם נישט עובר זיין. און איך גיי מיך נישט מוטשענען מיט מיין טאטע'ן נאר וויפיל דער אייבערשטער וויל, און אויב דער אייבערשטער וויל, וועט די שטאדירטע גוי'שע 'סעלף-קאנפידענץ' מיר ממילא גארנישט העלפן, עס וועט מיך אריינלייגן אין דעפרעסיע, אין נעמען מעדעצינען, אין יאוש, מרא שחורה און דורכפאל. ווידער היטן די תורה איז נישט קיין דורכפאל, אונזער שטאלץ איז: איך היט די תורה! איך גלייב אין די תורה, און איך זאג: הייליגער באשעפער! איך האב א פראבלעם מיט כיבוד אב ואם, העלף מיר! איך גלייב אין די תורה, איך גלייב אז די תורה איז אומשעדליך, און עס קען נישט קאליע לייגען גארנישט אין מיין לעבן ווייל איך בין מקיים די תורה, עס קען נישט זיין! ממילא, באקום איך א 'סעלף-קאנפידענץ' אז איך טוה וואס עס שטייט אין די תורה, און איך גיי האבן א רואיג גליקלעך לעבן, און דער הייליגער באשעפער וועט מיר צושטעלן אלעס וואס איך דארף, און ער שטעלט צו אלעס וואס איך דארף. איך דארף נאר בעטן ביים אייבערשטן, דאווענען צום אייבערשטן, לערנען, מקיים זיין מצוות, געבן צדקה, טוהן סגולות, און איך וועל מצליח זיין. דאס איז די 'סעלף-קאנפידענץ' - , 'זעלבסט-זיכערקייט', ביטוח עצמי, די שטאלץ, די ויגבה לבו בדרכי ה'.

די גמרא ברענגט (מנחות סב.) ווען מען האט געברענגט די עומר, וואס האט מען געטוהן מיט די תבואה? די כהן האט עס אויפגעהויבן ארויף און

אראפ, אהין און אהער, אזוי ווי מיר טוהן מיט די לולב ביי די נענועים. פארוואס האט דער כהן אויפגעהויבן די ווייץ אויף אלע זייטן? זאגן חז"ל: די טעם פארוואס דער כהן האט עס אויפגעהויבן ארויף און אראפ, איז, ווייל די הימל און די ערד איז דעם באשעפער'ס. מען שאקלט עס אויף אלע פיר זייטן צו ווייזן אז די תבואה ברענגט מען דא צום אייבערשטן, וואס ער געוועלטיגט אויף אלע פיר זייטן. אזוי ווי ביי קרי"ש וואס מען זאגט יעדן טאג, האט מען אינזין א' ח' ד', אז מען איז ממליך קוב"ה אויבן אונטן און אויף אלע פיר זייטן. עס זענען דא מענטשן וואס האבן אפילו א מנהג ארומצודרייען די קאפ אזוי. אזוי אויך ווען מען ברענגט די עומר, שרייט מען אויס: עס איז דא גוטע תבואה? עס איז דא גוטע ווייץ? עס איז נישט פון מיר, איך בין נישט קיין גוטע פארמער, איך בין נישט קיין גוטע פלאנצער, איך קען נישט קיין חכמות, אלעס האסטו הייליגער באשעפער געטוהן, די חכמה וואס איך האב געהאט ביים פלאנצן, די סודות, די יסודות וואס איך האב געניצט, און די גוטע תבואה וואס עס איז ארויסגעוואקסן, איך שאקל מיט די תבואה ווי מיט א לולב, ווייל איך גיב אלעס פארן אייבערשטן. איך בין גארנישט. איך קען גארנישט. דאס איז די שטארקייט, די שטאלץ פון א איד, אויסצושרייען פארן באשעפער: איך? איך בין גארנישט! אבער מיר זענען בני מלכים, אונז קענען האבן די בעסטע תבואה, ווייל מיר האבן א גוטע טאטע אין הימל, וואס טוט אלעס, אלעס וואס עס טוט זיך אפ אויף די וועלט, איז דער באשעפער. נישט איך טוה, און דער באשעפער העלפט מיר, נאר אלעס טוט דער אייבערשטער.

וועט א מענטש פרעגן: מען דארף נישט טוהן השתדלות?! אוודאי דארף מען טוהן השתדלות! ווייסט פארוואס? ווייל דער הייליגער באשעפער האט געהייסן טוהן השתדלות. און בשעת איך טוה השתדלות, גלייב איך, אז די כוח וואס איך האב צו טוהן השתדלות, און וויאזוי צו טוהן השתדלות, און ווען צו

טוהן השתדלות, און וועלכע השתדלות צו טוהן, דאס איז אויך די רצון פונעם אייבערשטן, איך בין א שליח פונעם אייבערשטן, עס האט נישט מיט מיר.

דאס איז 'סעלף-קאנפידענץ' פון א הייליגע ערליכע איד.

חלילה מען זאל נישט וויסן דערפון, ווען א מענטש דארף גיין צו א דאקטאר, און מען דארף מאכן אן אפיראציע. אן אפיראציע איז זייער א שרעקעדיגע זאך, מענטשן ציטערן דערפון. אבער, דער פאציענט, טרעפט זיך אין א מצב, וואס ער מוז געטרויען דעם פראפעסאר. ער גייט מיט א רואיגקייט צום דאקטאר. איך האב אין דיר א טראסט. איך טראסט, אז דו גייסט טוהן וואס עס איז ריכטיג, דו וועסט זיכער מאכן אז עס קומט ארויס פון דעם שניט, א לעבעדיגער געזונטער מענטש. אזוי דארף א איד ארומגיין א גאנצן טאג - טויזענט מאל מער - מיט א פארזיכערונג אינעם הייליגן באשעפער.

א מענטש דארף וויסן ביי זיך: מיינע דורכפעלער, מיינע שוועריגקייטן, איז נישט, ווייל איך בין א פעליער, איך בין א שטרוי-זאק, א צעבלאזשעוועטער קאפ. פונקט פארקערט! ווער האט דיר געמאכט די פעלער? דער אייבערשטער! ווער וויל דו זאלסט מצליח זיין אויף דער וועלט? דער אייבערשטער! ווער קען מאכן מיט דיין פעלער זאל זיין הצלחה? דער אייבערשטער! פארלאז זיך אויף אים, דאווען צו אים, זיי פארזיכערט אויף אים, מיט א שטאלץ און א רואיגקייט. פלוצלונג וועסטו זעהן, וויפיל הצלחה עס איז אלס דא אין דיין פראבלעם. ווייל דער רבוש"ע זארגט פאר יעדן מענטש, אלעס אין די וועלט, וואס דער מענטש דארף נאר. אונז טארן זיך בכלל נישט אריינמישן אין דעם, אונז דארפן נישט, און אונז קענען נישט!

---

**די מלכי ישראל האבן געוואוסט אז נישט זיי האלטן מלחמה - זיי טוהן נאר השתדלות**

---

דער מדרש ברענגט (שמואל ב): פיר קעניגן, האבן געבעטן פונעם אייבערשטן, יעדער פון זיי עפעס אנדערש. דוד המלך האט געבעטן, אז מען דארף ארויסגיין אין א מלחמה, העלף, איך זאל קענען נאכיאגן מיינע פיינט, ואשיגם, איך בעט דיך, העלף, איך זאל זיי דערגרייכן, איך זאל זיי קענען אויסהארגענען. האט דער הייליגער באשעפער געזאגט: פיין, איך נעם אן דיין תפילה. עס איז אזוי געשעהן.

אסא האט געזאגט: איך האב נישט קיין כח צו הארגענען, איך לויף זיי נאך, דו הארגע זיי. האט דער באשעפער געזאגט: פיין, איך נעם אן דיין תפילה, אזוי וועט זיין.

איז געקומען יהושפט און געזאגט: הייליגער באשעפער, איך האב נישט קיין כח, נישט צו הארגענען און נישט נאכצולויפן, איך וועל זינגן שירה און דו מאך די מלחמה. האט דער הייליגער באשעפער געזאגט: אזוי וועט זיין.

איז געקומען חזקיהו און געזאגט: איך האב נישט קיין כח נישט נאכצולויפן, נישט צו הארגענען, נישט צו זאגן שירה. הייליגער באשעפער! איך לייג זיך אריין אין בעט, דו מאך די גאנצע מלחמה. האט דער הייליגער באשעפער געזאגט: איך נעם אן דיין תפילה, אזוי וועט זיין.

וואס זעהן מיר פון דא?! אלע קעניגן, פון דוד המלך און ווייטער, האבן געוואוסט: מלחמות האלט דער אייבערשטער! עס איז נישט 'איך', עס איז נישט מיינע כוחות. חזקיה איז נישט געווארן צעקלאפט אז דוד המלך האט געקענט נאכלויפן, און איך קען נישט. ער איז נישט געווארן צעקלאפט אז יהושפט קען, און איך קען נישט. ער האט געזאגט: רבוש"ע! איך קען נישט! און די אמת איז, אז דוד המלך קען אויך נישט! נאר וואס דען? יעדער האט אנדערע כוחות פון השתדלות וואס ער קען, איך האב נישט די כוחות פון השתדלות פון דוד המלך,

האסט מיר עס נישט געגעבן, אבער א מלחמה דארף זיין, עס איז די רצון ה', איך בין בידך, איך פארלאז מיך אויף דיר. זאגט דער הייליגער באשעפער: פיין, איך וועל פירן די מלחמה!

אבער דער הייליגער באשעפער וויל, די הכרה, די מעלדונג אז א מענטש אנערקענט: דו ביסט נישט דער חכם הרזים צו פירן מלחמות. דו ביסט א שליח פונעם באשעפער מתחילה ועד סוף. טוה די השתדלות, און גלייב אז די השתדלות איז אויך פונעם אייבערשטן. און די איבעריגע, זאג ארויס מיטן מויל, קומט אלעס פונעם אייבערשטן. און אזוי האבן זיי געפירט מלחמות. און דאס איז אונזער 'סעלף-קאנפידענץ', דאס איז אונזערע 'זעלבסט-זיכערקייט', אזוי זענען געווען אונזערע מלכים, אונזערע נביאים, אין די צייטן פון בית המקדש, און אזוי זענען אונז, עד היום הזה.

פרעה האט געזאגט פאר יוסף הצדיק: "איך האב געזעהן אז דו קענסט פותר חלום זיין פאר א מענטש!". תיכף האט אים יוסף געענטפערט: בלעדו! עס האט גארנישט מיט מיר, אלעס ווענדט זיך, וואס דער הייליגער באשעפער לייגט אריין אין מיין מויל. איך טוה גארנישט!".

יוסף הצדיק איז שוין נישט געווען ביים טאטען אסאך יאר. ער איז געווען ביי פוטיפר 10 יאר. ער איז געווען אין תפיסה צוויי יאר. ער איז דורכגעגאנגן א שווערע לעבן. ער וואלט געקענט ווערן בעצבות און מרא שחורה, ער האט געקענט שפירן צעקלאפט, און ער האט אויך געקענט שפירן גוט, ווען פרעה זאגט אים, איך הער דו קענסט פותר חלום זיין. נאך אזויפיל צעבראכנקייטן, אזויפיל יאר אוועק פונעם טאטענ'ס הויז, וואלט ער זיך געקענט שפירן אביסל דערהויבן: אהה! איך האב באקומען א קאמפלימענט!

אבער, יוסף הצדיק האט געזאגט: פרעה! דו ווייסט וויאזוי איך האב אויסגעהאלטן די ביטערע שווערע יארן דא אין גלות? נאר פון איין וועג - בלעדו! ווייל איך האב געוואוסט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן. אין תפיסה לייגט דער אייבערשטער, און ארויס פון תפיסה נעמט דער אייבערשטער. אלעס טוט דער אייבערשטער. און פותר זיין דיין חלום טוט אויך דער אייבערשטער. אויב דער הייליגער באשעפער וועט וועלן אז איך זאל האבן א ישועה, און דו זאלסט געהאלפן ווערן דורך מיר, וועל איך דיר קענען זאגן וואס דער אייבערשטער זאגט. אבער עס איז נישט 'מיך'.

און דאס האט אונז יוסף אויסגעלערנט אין די גאנצע לאנגע וועג ביז ביאת הגואל ועד בכלל.

יעצט לאמיר זיך אומקומען וועלכע סעלף-קאנפידענץ לערנט מען אויס אין די שטודירטע וועלט. די 'סעלף-קאנפידענץ' פון די וועלט איז: איך מעג אריינזאגן פאר יענעם. איך מעג אריינזאגן אין פנים אריין פאר מיין בעל הבית, מיין ארבעטער, פאר מיין ברודער/שוועסטער, מיין ווייב/מאן, מלמד, מנהל, די מלמד מעג אריינזאגן פאר די עלטערן. "'סעלף-קאנפידענץ'!!". "איך וועל מיך נישט לאזן אביוזן!". "איך וועל זיך נישט לאזן צעקלאפן, איך וועל זיך נישט לאזן צעטרעטן, איך בין נישט קיין שמאטע, איך בין א 'יכול', איך קען, איך ווייס, איך האב כוחות, איך האב שטארקייט!!".

דאס איז קעגן די תורה! דאס איז גאות. דאס איז מצער זיין אידן. אוועקמאכן אידן. מען איז עובר אזויפיל לאווין אין די תורה דורך דעם. און דאס איז גורם, אז מענטש'ן האבן נישט מורא, מבזה זיין און פארשעמען מענטשן, באגאנבענען מענטשן, ליגנט זאגן פאר מענטשן.

"איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!! איך קען באגאנבענען און ליגנט זאגן אויך, איך האב נישט מורא!!!". ח"ו.

מען האט נישט מורא פון עבירות, מען האט נישט מורא פון געבן א שנייד אראפ די בארד, אראפשניידן די פיאות, "איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!"

"איך קען גיין מיט רויטע הויזן און גרינע שיך, און א געלע קאפל, איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!".

"איך קען אריינקומען אין בית-מדרש אן קיין היט און רעקל, און דאווענען מנחה-מעריב, איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!".

"איך קען עסן וואו א איד באלאנגט נישט, איך קען גיין וויקאציע וואו א איד באלאנגט נישט, איך האב נישט מורא, איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!".

"איך האב נישט מורא, נישט פון מיין טאטע, נישט פון די רב, נישט פון די דיין, איך קען אריינפליקן מיין רבי/רב אויכעט, איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!".

איך האב נישט מורא צו גיין שלאפן ביינאכט, אין די צייט וואס איך האב נאך גארנישט היינט געלערנט, איך האב 'סעלף-קאנפידענץ'!".

איך מוז נישט האבן אלע חומרות אין פסח וואס מיין טאטע האט געהאט, איך האב 'סעלף-קאנפידענץ' איך האב 'זעלבסט-זיכערקייט'!"..

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דאס איז נישט 'סעלף-קאנפידענץ', דאס איז שוואכקייט, דאס איז צעבראכנקייט, דאס איז עצבות און מרא שחורה, דאס איז דורכפאל. דאס איז זייער א גרויסע דורכפאל.

מען קען זעהן אמאל א בעל-שמחה רעדט, ווייל ער האט זיך געלערנט 'סעלף-קאנפידענץ' און ער רעדט אזעלכע שטותים אז מען קען זיך דרייען

אויפן בענקל. דאס איז 'סעלף-קאנפידענץ'?! דאס איז טפשות! דאס איז גוי'איש! דאס איש שטודירטע משוגעת'ן, וואס ברענגט פאר קיינעם נישט קיין תועלת. און נאך א שטיק צייט וואס א אידיש קינד לעבט מיט די גויאישע סעלף-קאנפידענץ, אזוי ווי דער הייליגער באשעפער האט אונז באשאפן פאר אן עם חכם ונבון, פארשטייט ער אליין, אז ער פלאנטערט אין שטותים, ווערט מען אזוי צעקלאפט און צעבראכן, אז מען פאלט סאך מער אריין אין דעפרעסיע און צעבראכנקייט און פארלוירנקייט, ווי מען איז געווען פארדעם, און די הארץ איז סאך מער צעריסן און צעבראכן.

לאמיר אייך אראפלייגן די תורה'דיגע 'סעלף-קאנפידענץ'. די תורה'דיגע 'סעלף-קאנפידענץ' איז: ווען א מענטש האט א נאטור צו זיין פארשלאסן, ער איז פארשלאסן, ער שעמט זיך פון מענטשן. ער האט פאביעס, ער האט פחדים פון מענטש'ן, ער האט פחדים פון טונעל'ס, פון ברידזשעס, פון פליגער'ס, פון קאר'ס און טראק'ס, פון זיך אליין, פון זיין צווישן מענטש'ן. ער האט אלע סארט פאביע'ס און צעבראכנקייט. לאמיר אים געבן 'סעלף-קאנפידענץ': "מיין טייער קינד, ביסט א בן מלך, ביזט דעם הייליגן באשעפער'ס א קינד! דו ווייסט ווי שטארק דער הייליגער באשעפער האט דיך ליב, און האט דיך אינזין? דו דארפסט נישט מורא האבן, ווייל ווען דו וועסט גיין אויפן ברידזש, וועסטו זאגן: הייליגער באשעפער! היט מיך! וועסט זאגן: שומר עמו ישראל לעד! נישט 'שומרים', נישט 'חברים', נישט 'הצלה', זיי זענען שלוחים פונעם אייבערשטן, זיי קענען גארנישט. נישט קיין דאקטאר, נישט קיין טעראפיסט. קיינער קען דיר נישט העלפן. נאר דער הייליגער באשעפער! איך גיי ארויף אויף א בריק און איך האב נישט קיין פחדים! פארוואס? ווייל איך האב 'סעלף-קאנפידענץ', איך האב 'זעלבסט-זיכערקייט' אז דער הייליגער באשעפער האט ליב אלע אידן, און ווען עס איז באשערט צו לעבן, וועט לעבן! איך בין אין די ארעמעס פונעם אייבערשטן, און איך האב נישט וואס מורא צו האבן! דער הייליגער באשעפער

איז א כל יכול!". דאס איז 'סעלף-קאנפידענץ'! און איך האב 'סעלף-קאנפידענץ' אז ווען איך וועל נישט פארשפעטיגן קיין דאווענען, נישט אוועקגיין פונעם דאווענען פריה, איך וועל דאווענען פון אדון עולם ביז אדון עולם, אן קיין סעלפאן, אן קיין טעלעפאן, און אן זיין באזארגט פון וואו איך וועל האבן פרנסה, ווייל איך רעדט יעצט צום אייבערשטער, דער כל יכול, וואס ער פירט די גאנצע וועלט, ער גיט אלעס, און ער וויל מען זאל דאווענען, איך טוה זיין רצון - דער הייליגער באשעפער וועט מיר געבן פרנסה.

יא, איך גיי האבן פרנסה! איך האב 'סעלף-קאנפידענץ' אז איך קען דאווענען, און איך האב נישט מורא אז איך וועל פארלירן די פרנסה. איך קען גיין צו א שיעור יעדע נאכט, און איך גיי נישט האבן קיין שלום-בית פראבלעמען, און איך גיי נישט פארלירן פרנסה. ווייל דער הייליגער באשעפער איז מיט מיר, און אז מען היט די תורה קען מען קיין שאדן נישט האבן.

די 'זעלבסט-זיכערקייט' דארף מען האבן אין זיך, און ארייינלייגן אין די קינדער. די אמונה ובטחון, די שטארקייט, די שטאלץ פון א איד: איך האב נישט מורא צו טוהן די רצון ה', און איך גיי גארנישט דערלייגן!

ווען א מענטש טראכט צו זיך: "עס איז מיר מורא'דיג שווער, איך דארף ארויסגיין זיך לופטערן!".

ווען מען האט די תורה'דיגע זעלבסט-זיכערקייט, פארשטייט מען: די רצון ה' איז, מען זאל גיין אויף א פלאץ וואו עס איז דא א מנין, אן עירוב, א ספר תורה, א מקוה, כשרות, צניעות, קדושה, טהרה, שיעורים, אלעס איז אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט.

איך בין נישט אזוי ווי די שטודירטע, צעקלאפטע, מרא שחורה'דיגע מענטשן, וואס זיי גייען אויף פלעצער וואס עס איז נישט ערליך. זיי קענען זיך

נישט שטארקן נישט צו גיין דארט. איך בין א גיבור עצום! איך בין שטערקער פון א מלאך. איך האב קאנפידענץ! איך גיי נאר אויף א פלאץ וואו עס איז אויסגעהאלטן הונדערט פראצענט, לויט די תורה, אורח חיים, יורה דעה, חושן משפט, און אבן העזר. אלע גדרי צניעות וקדושה.

דאס הייסט ביי מיר זיך אויסגעלופטערט, און איך האב די כוחות!

פארוואס האסטו די כוחות?!

ווייל די תורה גיבט מיר די כוחות! ווייל איך רעדט צו די אייבערשטער, איך גלייב אינעם אייבערשטן, און איך גלייב באמונה פשוטה, אז עס איז נישט דא א מציאות בעולם, אז מען זאל עובר זיין אויף די תורה און עס זאל זיין מוצלח.

איך בין נישט מקנא מיין חבר.

וויאזוי קען עס זיין, דער הייליגער באשעפער האט דאך אריינגעלייגט אין יעדן איד די כח הקנאה?!

איך האב די כח הקנאה אין מיר. אבער איך טראכט אריין: לאמיר נעמען מיין 'סעלף-קאנפידענץ' רעלעקסינג, מיין 'זעלבסט-זיכערקייט' בארואיגונג'ס-מחשבה.

רואיג מיט יישוב הדעת!

איך קען נישט האבן וואס דער אייבערשטער געבט פאר מיין חבר. וואס דארף איך זוכן מיין חבר'ס? דאס ווייזט אויף שוואכקייט, דאס ווייסט אויף נידריג און שוואך.

ניין, איך בין שטארק! וואס דער הייליגער באשעפער גיבט מיר איז גוט, איך בין צופרידן! איך בין שטאלץ דערמיט, איך לייג אריין כוחות אין דעם, איך פיל אין די רצון ה' א געוואלדיגע רואיגקייט אין מיין לעבן. איך האב די כוחות.

איך קען!

דאס הייסט 'סעלף-קאנפידענץ'!

אז א מענטש זאל זיך זעצן צו די גמרא-תוספות, און זאגן: "איך קען נישט פאקעסן/פיונקצענירן!" - "איך האב ADHD!" - "איך האב ADD!" - "איך בין סתם א נערוועזע מענטש!" - "איך האב נישט קיין גוטע קאפ!".

דאס איז צעבראכענע קאנפידענץ! 'סעלף-קאנפידענץ' איז: "איין מינוט?! והאר עינינו בתורתיך איז א תפילה? לאמיר עס זאגן ווארעם פארן אייבערשטן! לאמיר עס בעטן פונעם אייבערשטן!!". "ותן חלקינו בתורתיך איז א תפילה? לאמיר עס דאווענען פארן אייבערשטן, לאמיר געבן אביסל טרערן פארן אייבערשטן!!". און נאכדעם וועל איך בעטן: "רבוש"ע! היה נא ה' מצליח דרכי!". און איך גיי זיך זעצן לערנען א בלאט גמרא-תוספות. און כסדר בעטן: "הייליגער באשעפער! יעדער איד האט א חלק אין די תורה, גיב מיר א ווארימערע חלק, א בעסערע חלק, א טיפערע חלק!". און דערנאך וויפיל איך האב בין איך צופרידן. דאס איז די רצון ה'. דאס איז מיין תפקיד אויף די וועלט. איך טוה מיין תפקיד געשמאק און פרייליך. דאס איז 'זעלבסט-זיכערקייט'.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! 'סעלף-קאנפידענץ' וואס ברענגט עובר צו זיין אויף די תורה, וואס ברענגט גיאות, וואס ברענגט חוצפה, וואס ברענגט מצער צו זיין אידן, נישט מוחל זיין אידן, מחלוקת, פירוד לבבות, אפשניידן בערד און פיאות, נישט לערנען קיין שיעור, נישט דאווענען מיט מנין, נישט זיין בקדושה, נישט זיין אפגעהיטן אין שמירת עינים, נישט זיין אפגעהיטן אין די

ארבעט, אין די קאווע-שטובל. נישט זיין אפגעהיטן פונקטלעך וואס די תורה וויל -

דאס איז עצבות און מרה שחורה, דעפרעסיע. עס איז נישט מוצלח, עס איז קעגן די תורה, און עס האט בכלל נישט קיין שייכות מיט דיר - אידיש קינד. עס קומט פון די גוי'אישע, שטודירטע, טפשות'דיגע מוחות. אונז קלוגע מענטשן, אונזער 'סעלף-קאנפידענץ' איז: אמונה און בטחון! און אונזער 'סעלף-קאנפידענץ' איז: מיר רעדן צו די אייבערשטער, פון די אייבערשטער, אונז זענען נאנט צום אייבערשטען, אונז גלייב מיר, און אונז דארף מיר גארנישט אויף די וועלט, נאר נאנטשאפט צום אייבערשטען - אני קרבת אלקים לי טוב. נאנטקייט צום אייבערשטען, דאס דערהייבט מיר, דאס איז מיין שטארקייט, און איך האב נישט מורא, איך בין שטאלץ, איך שעם זיך נישט פון מיינע חברים.

מיינע חברים זאגן: "קום דארט און דארט!" איך זאג: "ניין! איך גיי נישט, עס איז נישט קיין פלאץ וואס ברענגט קדושה וטהרה, עס ברענגט נישט קיין נחת רוח פארן אייבערשטן, איך וויל נישט גיין, איך בין א בן מלך, איך בין נאנט צום אייבערשטן, איך וויל נישט!". "וואס הייסט?! דו פאנאטישער! דארפסט זיך אינדזשויען!!". "איך אינדזשוי מיך! איך אינדזשוי מיך מיט אלעס וואס די תורה לאזט מיר זיך אינדזשויען! איך אינדזשוי מיך מיט אלעס וואס עס איז די רצון ה'! און דער הייליגער באשעפער איז מיט מיר, און איך רעדט צו אים, איך פיל ממש ווי ער נעמט מיך ארום, ער האלט מיך אן מיט אווארעמקייט, איך וויל נישט פארלירן דיווארעמקייט, די קאנפידענץ די שטארקייט!".

די איינציגסטע זאך אין די וועלט וואס גיבט כח פאר א מענטש איז תורה. ביטול רצון צום אייבערשטען, אמונה, פיקודי ה' ישרים משמחי לב. נאר די תורה מאכט פרייליך א מענטש. נאר די תורה נעמט ארויס פון דעפרעסיע. נאר די תורה נעמט ארויס פון יאוש. אלעס איז פון די תורה. נאר מען דארף עס

טוהן מיט א 'סעלף-קאנפידענץ', מיט א 'זעלבסט-זיכערקייט', מיט א ביטוח עצמי, מיט אן אמונה, מיט א שטאלץ.

הייליגע לעכטיגע קינדער! ווען דו גייסט צו די גוי'אישע, שטודירטע, טפשות'דיגע, טעראפיסטישע, 'סעלף-קאנפידענץ', צאלסטו א וועלט מיט געלט, שעות ארוכות, און זייער אסאך מאל - און ביי אונזער היימישער ציבור רוב מאל - דו ווייסט נישט וואס מען האט אויפגעטוהן. אויפן פלאץ פילט זיך גוט, יעדע נייע זאך איז געשמאק, יעדע אנפאנג זמן לערנט מען פלייסיג, אבער אין לויף פון די צייט, פלוצלונג ווערסטו מיואש, הייבסט אן טראכטן, דער טויג נישט, יענער טויג נישט.

איך וועל דיר זאגן וואס עס טויג נישט: דו זוכסט צו פאשענען אין פרעמדע פעלדער! הכנעה פאר אנדערע מענטש'ן, פאר די תורה, ביטול הרצון פארן הייליגן באשעפער, ליב האבן אידן, נישט מאכן קיין מחלוקת און קריגערייי, נישט שניידן קיין בארד און פיאות, נישט זיך אנטוהן אויף א וועג וואס עס איז נישט אונזער מסורה, נישט רעדן קיין שטותים, נישט לעבן אין קנאה, אין גאוה, נישט לעבן אין שנאה, נישט לעבן אין עובר זיין אויף די תורה, דאס איז די גרעסטע קאנפידענץ וואס אונז דארפן צו האבן, און דאס זענען די גוים מקנא אויף אונזער קאנפידענץ. זיי זענען אונז מקנא, נישט אונז זענען מקנא די גוי.

די גרעסטע גולמות, די גרעסטע מרא שחורה'ס, און די גרעסטע סאו-לאזער'ס - זענען שטודירטע גוים! אונז זענען די מוצלחים פון די וועלט! ווייל אונז האבן דער הייליגער באשעפער וואס ער איז א כל יכול, און ער איז א טוב ה' לכל, אונז דארפן גארנישט קענען, אונז דארפן זיך נאר פארלאזן און זיין נאנט צום אייבערשטן, געטרויען דעם אייבערשטן, מיט זיין תורה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! לאמיר זיך שטארקן מיט די 'סעלף-קאנפידענץ', לאמיר ארײנלייגן גרויסע כוחות אין די 'סעלף-קאנפידענץ'. און דער הייליגער באשעפער וועט העלפן, מען וועט זעהן א געוואלדיגער סייעתא דשמיא, געוואלדיגע הצלחה.

## 'סעלף-קאנפידענס' על-פי תורה
## שיעור ב'

א גוטן טאג, דינסטאג פר' אח"ק, ח' לחודש אייר תשפ"א.

*מיר גייען געבן די צווייטן שיעור אויף 'זעלבסט-זיכערקייט/סעלפ-קאנפידענס/ביטוח עצמי'. וואס אינעם ערשטן שיעור האבן מיר גערעדט 'וואס איז די נישט ריכטיגע וועג פון 'סעלפ-קאנפידענס' די שטודירטע גוי'שע וועג, וואס איז נישט אויסגעהאלטן' - 'וואס איז די תורה'דיגע וועג וויאזוי צו טראכטן איבער סעלפ-קאנפידענס'.*

*בסייעתא דשמיא, בעזר ה', מיטן כח הרבים, מיטן כח הציבור, מיט זכות אבות, גייען מיר יעצט פארלייגן 'וואס איז די תורה'דיגע וועג צו טראכטן וועגן די ענין פון סעלפ-קאנפידענס/זעלבס- זיכערקייט/ביטוח עצמי' אז א מענטש זאל נישט ווערן צעקלאפט און צעבראכן און זיין א דורכפאל חלילה וחס אין לעבן'.*

---

**ווען ניצט מען די מאמר 'אל תאמין בעצמך עד יום מותך' און ווען ניצט מען די פסוק 'ויגבה לבו בדרכי ה"**

---

אין פרקי אבות (פ"ב) ווערט געברענגט דארטן מאמרים פון הילל הזקן. הלל הזקן זאגט: **אל תאמין בעצמך עד יום מותך** - א מענטש זאל נישט גלייבן אין זיך אליין ביז די טאג וואס מען גייט אוועק פון די וועלט. פון די אנדערע זייט איז

דא א פסוק (דברי הימים ב קאפיטל ז פסוק ו) **ויגבה לבו בדרכי ה'** - א מענטש זאל האבן א דעהויבנקייט, ער זאל זיך האלטן דערהויבן, אין די דרכי ה'. וואס איז **אל תאמין בעצמך עד יום מותך** און וואס איז **ויגבה לבו בדרכי ה'**?

## נישט דא אזא זאך אז א מענטש איז א דורכפאל!

חלילה צו זאגן אז עס איז דא א מציאות אויף די וועלט אז א מענטש זאל זיך קלאפן און זאגן: 'איך בין גארנישט ווערט!' חלילה וחס אז א מענטש זאל זיך אפילו לאזן קלאפן פון אנדערע מענטשן, אז 'איך בין גארנישט ווערט!' נישט דא אזא מציאות! דער הייליגער באשעפער האט נישט באשאפן קיין שום מענטש צו זיין א דורכפאל, א פעליער. עס איז דא מענטשן וואס קענען זיך אליינס מאכן א דורכפאל, אויב דו אנערקענסט נישט דיין תפקיד און תכלית אויף די וועלט, און דו שטעלסט זיך אויס אן הנחה אז דו דארפסט זיין דאס און דאס, און אזוי און אזוי, און עס געלונגט נישט, און דו מאכסט עס פאר א דורכפאל, דאס הייסט נישט קיין דורכפאל.

א דורכפאל איז, אויב מיין גאנצע מהות איז: 'איך בין א דורכפאל!' אזאנס איז נישט דא! 'איך בין א פעליער!' נישט דא אזאנס! אויב דו וועסט טוהן דיינע טאלאנטן, מיט דיינע כוחות, אויף די ריכטיגע וועג, נישט דיינע רצונות און דמיונות, נאר דיינע כוחות און טאלאנטן, ביסטו נישט קיין דורכפאל!

## נישט לאזן דאס 'קטנות' באהאלטן דאס 'גדלות'

וויאזוי האט רבי **נחמן ברסלב'ער** זי"ע געזאגט? **"א מענטש זאל נישט לאזן זיין קטנות, זיין קליינקייט, באהאלטן זיין גדלות!"**.

א מענטש האט גדלות, און יעדע מענטש האט גדלות. יעדע מענטש איז באשאפן געווארן מיט גדלות און מיט טאלאנטן. עס איז נישט דא קיין שום מצב אויף די וועלט וואו א מענטש זאל זיך האלטן פאר א דורכפאל, עס איז נישט

דא אזא מציאות! קיינער איז נישט קיין דורכפאל! ווייל אני מאמין באמונה שלימה יעדער האט א תפקיד, און יעדער האט א טאלאנט און א תכלית אויף וואס ער איז באשאפן געווארן, און פארוואס די וועלט דארף אים האבן, און ער דארף זיין אויף די וועלט דאס צו טוהן, און אויף דעם גייט ער, און ער איז מצליח.

ממילא, **'אל תאמין בעצמך עד יום מותך'** מיינט נישט 'יאוש'. און עס מיינט נישט גלייב נישט אין דיינע כוחות, גליב נישט אז דו ביסט עפעס. נישט דאס מיינט עס. **'ויגבה לבו בדרכי ה"** א מענטש מוז גלייבן אין זיינע כוחות, זיך האלטן שטארק מיט זיינע כוחות, אנערקענען אין זיינע כוחות, און אפילו ער זעהט עס נישט, דארף ער גלייבן אין דעם.

נאר וואס דען?

עס איז דא א ווארט פון די **'בעלי מוסר': "עס איז א גרויסע רחמנות אויף א מענטש וואס ער אנערקענט נישט זיינע חסרונות, אבער נאך א גרעסערע רחמנות איז, אויף א מענטש, וואס ער אנערקענט נישט זיינע מעלות!"**.

א מענטש דארף וויסן: **'חביב האדם שנברא בצלם'** א מענטש האט א באליבטקייט, א באַטעמ'טקייט, א 'תשועת חן' א מענטש האט א באַטעמ'טקייט, א חן, ווייל ער האט א צלם אלקים. ער האט אויך א באליבטקייט. מענטש'ן האבן אים לי, ער האט א באַטעמ'טע ליבשאפט, בין אדם למקום ובין אדם לחבירו. חז"ל זאגן עס: **'חיבה יתירה לישראל שנקראו בנים למקום'** אונז זענען 'בנים למקום', די 'עם סגולה', די 'עם חכם ונבון', כלל ישראל איז די וועלט, און יעדער איד איז א חלק דערפון.

---

**די פשט פון 'אל תאמין בעצמך עד יום מותך'**

---

**'אל תאמין בעצמך עד יום מותך'** מיינט: גלייב נישט אין שטותים! אויב דו ביסט מצליח אין עפעס, מיינט נאך נישט אז דו וועסט אנהאלטן די מצב. דארפסט ארבעטען דערויף, דארפסט דאווענען און בעטן דעם אייבערשטן. נישט האבן קיין גיאות. בלאז נישט אויף אנדערע מענטש דערמיט. עס מיינט נישט אז א מענטש זאל נישט האבן אמונה פשוטה אז איך בין א 'יש'. ויגבה לבו בדרכי ה' - א מענטש דארף וויסן וואס ער איז!

## וואס איז די סיבה פארוואס א מענטש ווערט א דורכפאל?

יעצט וועלן מיר אריינגיין אין א מורא'דיגע נקודה פון די מענטש'ן וואס זיי דארפן א שיעור אויף 'סעלף-קאנפידענס' אויף 'זעלבס-זיכערקייט'. כסדר מאכט זיך מענטשן וואס זיי טרעפן זיך אין א פלאץ וואס זיי זעהן א געוואלדיגע הצלחה, לאמיר אנכאפן א משל: ער איז א גוטע מגיד שיעור. א גוטע מלמד. א גוטע משגיח. א גוטע שיעור-פארלערנער. ער איז גוט אין בויען. ער איז גוט אין עלעקטעריק. ער איז גוט אין פלאמבינג. ער הייבט עס אן, ער איז מורא'דיג מצליח, און פלוצים! ער איז א דורכפאל, ער איז נישט דא! דער פיינער מלמד איז געווארן א דורכפאל. די שיינע משגיח איז געווארן א דורכפאל. דער שיינע שיעורים זיינע זענען דורכפגעפאלן. די בויען זיינע איז דורכגעפאלן. די שענק וואס ער מאכט איז דורכגעפאלן. די לעקטער וואס ער מאכט איז דורכגעפאלן. די וואסער פייפס וואס ער מאכט איז דורכגעפאלן. וואס איז געשעהן דא? ער איז אן איש מוצלח, מענטשן זוכן ער זאל זיי ניצן, מענטשן ווילן ער זאל ארבעטן און טוהן פאר זיי זיין טאלאנט וואס ער האט, אבער עס האלט אן איין וואך, צוויי, דריי, פיר, און אפיל דריי חדשים... נעלם! נישט דא מער!

עס איז דא אזויפיל מלמדים, אזויפיל כלי קודש, טיטשערס, מנהלים, פרינצעפאלס, כולל אינגעלייט, און אפילו אין שלום בית געלונגענע מענער, געלונגענע ווייבער, פלוצלונג! עס איז אויס געלונגען! געלונגענע ארבעטורערס,

מענעדזשערס פון ביזנעסער, מענטשן וואס קאנטראלן ביזנעסער, געוויסע פאכן, אומניות, וואס מענטשן האבן מורא'דיג מצליח געווען, און פלוצלונג נעלם! עס איז נישט דא! א דורכפאל! וויאזוי געשעהט דאס?!

די תשובה אויף דעם איז: אונז גייען יעצט זאגן א מורא'דיגע יסוד וואס מען דארף אויסהערן מיט יישוב הדעת, מיט א מורא'דיגע רואיגקייט, חזר עס איבער, הער עס נאכאמאל, ביז דו וועסט פארשטיין קלאר וואס מען רעדט, און דו וועסט זעהן א מורא'דיגע הצלחה בעזר ה', מיט אסאך תפילות און צדקות, בעזר ה'.

מען גייט אמאל אריין אין א בית מדרש, מען הערט א בעל-קורא לייענט, ער לייענט די פרשה פארן גאנצן ציבור, ער מאכט גרייזן, דער עולם שרייט, ער זאגט איבער גוט, און ער גייט ווייטער. מאכט נאך א גרייז, די עולם שרייט, ער זאגט איבער גוט, און ער גייט ווייטער. עס קומט די אנדערע וואך ער האט נישט אויפגעגעבן דאס לייענען, ער לייענט ווייטער, ער מאכט א גרייז, די עולם שרייט, ער פאררעכט, ער גייט ווייטער. ער ענדיגט ליינען, ער גייט ארום מיט א לעכטיג צורה אין בית מדרש, כאילו לא היה.

עס איז דא א צווייטער, ער איז א געזונטער בעל-קורא, ער הייבט אן לייענען, ער מאכט א גרייז, די עולם הייבט אן שרייען, ער פאררעכט די גרייז, אבער ער איז שוין פארלוירן געגאנגן, ער לייענט שוין נישט נארמאל, ער איז פאר'מרה'שחורה'ט, מאכט שוין 100 גרייזן, כיפערט, לויפט אוועק. ווען ער ענדיגט דאס לייענען גייט ער מיט די נאז אראפ, פארדעקט זיך מיט'ן טלית. ער קומט אן אהיים, איז ער אין מרא שחורה, אין עצבות: "עס איז נישט פאר מיר דאס ליינען, איך בין א דורכפאל!".

## נישט די דורכפאל מאכט די דורכפאל, די 'נאך דורכפאל' מאכט די דורכפאל, די 'דורכפאל' בויעט 'סוקסעס'

וואס איז די חילוק צווישן די צוויי מענטשן?

די חילוק איז: א סוויטש-קנעפל אין מח.ביידע האבן געהאט א דורכפאל, ביידע האבן געמאכט גרייזן, ביידע האט מען געדארפט אריינשרייען אינמיטן לייענען. די חילוק איז, וואס זיי האבן געטוהן דערמיט. דער ערשטער, איז געגאנגן ווייטער. דער צווייטער, איז אדורכגעפאלן.

וואו איז די נפקא מינה צווישן די צוויי? וואס איז די נפקא מינה צווישן די צוויי מענטשנ'ס מחשבות איך ווייס נישט וואס די מענטשן טראכטן. אונז גיי מיר אוועקשטעלן יסודות אין די נאטורן פון מענטש'ן. וואס בויעט א מענטש, און וואס ח"ו צעברעכט א מענטש, און לייגט אים צעגרינד?

די יסוד דארף יעדער איינער געדענקן: א דורכפאל אין לעבן איז נישט קיין דורכפאל! נאכאמאל, איך גיי עס איבער'חזר'ן: א דורכפאל אין לעבן איז נישט קיין דורכפאל! דהיינו, נישט די דורכפאל איז די דורכפאל. וואס דו טוסט נאכן דורכפאל דארט ווערט די דורכפאל.

אויב א מענטש האט געלייענט פארן ציבור, און ער האט געמאכט א גרייז, און ווען די עולם האט אים מעורר געווען, ער האט הנאה געהאט. וויאזוי' לערנט מען זיך לייענען? דורך מאכן גרייזן! איך האב געמאכט א גרייז, איך וועל פרובירן נעקסטע וואך זיך בעסער פארצוקוקן, אבער עס מיינט נישט, איך בין נישט קיין גוטער בעל קורא. עס מיינט נישט, איך קען נישט בלייבן א בעל קורא. עס מיינט נישט, איך בין א 'פעליער', א 'דורכפאל', א פארשעמטער, א צעקלאפטער: "ווער האט דיך איינגערעדט אז דו דארפסט לייענען?!". בפירוש נישט! איך האב געהאט א דורכפאל. און איך גיי מאכן 'סוקסעס' פון מיין

'דורכפאל'. איך גיי נישט מאכן א 'דורכפאל' פון א 'דורכפאל', איך גיי מאכן א סוקסעס פון מיין דורכפאל. איך בין דורכגעפאלן, איך גיי בויען דערפון עפעס. אזוי בויעט מען זיך. און ממילא נאכן לייענען בין איך מורא'דיג פריילך. איך האב מורא'דיג הנאה. איך האב געלייענט גוט, איך האב געהאט דורכפעלער, מען האט מיר מעורר געווען, און איך וואקס. איך גיי ווערן א בעסערע בעל קורא, א שענערע בעל קורא. איי, דו האסט געהאט א דורכפאל? אוודאי האב איך געהאט א דורכפאל! יעדער האט דורכפעלער. די 'דורכפאל' איז נישט די פראבלעם. די פראבלעם איז: וואס איך טוה מיט די דורכפאל! אויב איך וועל ווערן בעצבות, אין מרא שחורה, פארשעמט, צעקלאפט, און זיך אריינלייגן אין די נעגעטיוו, מיך אריינלייגן אין די דורכפאל, און זיך קאכן אין די דורכפאל, און מסכים זיין מיט'ן דורכפאל. יעצט האב איך געהאט א דורכפאל! נישט די דורכפאל איז די דורכפאל, די 'נאכ'ן דורכפאל' דארט הייבט זיך אן די דורכפאל.

מען דארף געדענקן א געוואלדיגע יסוד: די אלע מענטש'ן וואס דו ביסט מקנא. וואס דו קוקסט, און זעסט, אז זיי זענען מורא'דיג מוצלח. איך וויל זאלסט וויסן: זייער הצלחה איז געבויעט אויף דורכפעלער. גאנצעטע יסודות פון דורכפעלער ליגן אונטער דעם מוצלח'דיגן מענטש. מוצלח מתחילה ועד סוף, איז נישט דא, און עס קען נישט זיין. א מענטש וואס דארף זיין א מוצלח, אן קיין דורפעלער, איז נישט מצליח. עס איז נישט דא אזא הצלחה. דורכפעלער, איז די הצלחה פון א מענטש.

## ווען ווערט דער מלמד א דורכפאל?

יעצט לאמיר נעמען א משל פון א מלמד. א מלמד קומט אריין אין חדר אנפאנג יאר, און ער איז מורא'דיג מצליח. אנפאנג יאר איז יעדער מצליח. ער לערנט פאר א הערליכן שיעור. ער האלט אן קאנטראל אויף די כתה, ער האט א שפראך מיט די קינדער, מען רעספעקטירט אים, עס איז דא א יראת הכבוד, עס

איז דא א דיסציפלין, עס איז דא א סדר, מען קען, די עלטערן זענען צופרידן, די הנהלה איז צופרידן, עס איז א מחיה.

ווייסט וואו עס הייבט זיך אן די פראבלעם? עס קומט די זעקסטע וואך, און דער מלמד האלט אינמיטן פארלערנען א שיעור, און ער זעהט אזוי: פינף אינגלעך האלטן א פעדער אין די האנט, צוויי שמועסן. דא האט דער מלמד געהאט א דורכפאל. הונדערט פראצענט! ער איז יעצט אין א דורכפאל. די דורכפאל איז: קינדער האבן נישט מורא געהאט פון אים, און נישט געהאט די דרך ארץ פאר אים, און ארויסגענומען א פעדער און געקאטשקעט, און נישט מורא געהאט צו שמועסן אינמיטן כתה.

פון יעצט און ווייטער גייט זיך אנפאנגן די דורכפאל. אויב גייסטו טראכטן ביי דיר די מחשבות פון עצבות, מרה שחורה, יאוש. און דו גייסט זאגן: זעסט? דו טויגסט נישט. קוק אן, האסט געהאט א דורכפאל. זעהסט? איך ווייס ביי מיר איך טויג נישט! פארוואס בין איך בכלל א מלמד?! דאס איז שוין א דעזעסטער אין כתה. איך זעה שוין אז עס טויג נישט. אזא דורכפאל!! אייביג פאל איך אדורך. עס גייט מיר גארנישט. איך ווייס נישט... איך בין עפעס דא אויף דער וועלט צו זיין א פעליער, א דורכפאל. עס גייט נישט! וואס זאל איך יעצט טוהן?!

וואס דו טוסט איז: דו הייבסט זיך אן פלאנטערן אין די 'נישט גיין'. דו הייבסט אן אנערקענען אז עס גייט דיר נישט. און דו ארבעסט מיט מיט דעם. און דו פאלסט אריין אין די נעגעטיוו, אין די 'נישט קענען'. דו פלאנטערסט און דו מאכסט א גאנצע 'קוגל' פון דיין דורכפאל. דו מאכסט זיכער: יא! איך האב געהאט א דורכפאל! און עס געלונגט, הו הא! האסט זיך געבעטן, האסט אריינגעלייגט כוחות דערין, עס איז דיר געלונגען!

וואס טוט א צווייטער מלמד? ער טראכט ביי זיך: איך האב געהאט א דורכפאל? אבער איך גיי מיך בויען דערויף! "קינדער! ווער עס נעמט אריין א פעדער אין די האנט, וועט באקומען א קנס! און איך וועל שוין ארויסשיקן פון כתה! אלע פעדער'ס אריין! איך וויל נישט זעהן גארנישט! וואס איז דאס א חוצפה?! וואו איז דאס געהערט געווארן?! מען שמועסט אינמיטן כתה?! יענקל! ארויס!! גיי צום מנהל, זאג אים האסט געשמועסט אינמיטן כתה! דא קען נישט זיין איינער וואס שמועסט!!".

עס קען זיין, אז פלוצים וועסטו זעהן אז די קינדער הייבן אן מאכן, "הו-הא הו!". עס ווערט א צעווילדעוועטקייט. ווייל ביסט דאך געווען שוואך אויף א וואך. יעצט קענסטו דורכפאלן: "שוין! זעהסט? אפילו ווען איך מאך שוין כאילו איך בין אויפגערעגט, כאילו איך בין אין כעס, כאילו איך שטעל אוועק א מצב, און מען לאכט מיר אין פנים, מען מאכט 'הו הו'?!". דאס איז איין וועג פון טראכטן, און דו גייסט טאקע דורכפאלן אויב דו גייסט טראכטן אזוי.

אבער עס איז דא נאך א וועג פון טראכטן: "איך בין אינמיטן א סוקסעס. איך דארף עס אויפבויען!". גיי ווייטער: "ווער האט געמאכט די ערשטע 'הו'?! קום אהער, צען דאלער קנס! [איך ווייס דאך נישט פונקטליך וויאזוי עס ארבעט אין א כתה] דו וועסט שטיין דא! דו וועסט זאגן די גמרא!". געב נישט אויף. שטיי ווייטער, שטיי ווייטער. איך בין נישט אין דורכפאל - איך בין אין סוקסעס! איך לערן מיך. איך בוי מיך. איך ארבעט אויף די מהלך. איך ארבעט אויף די מהלך. איך גיב נישט נאך. איך לאז נישט נאך. פלוצלונג די כתה איז צוריק אין פלאץ.

די דורכפאל אין כתה, איז נישט די 'קינדער'. די דורכפאל איז, 'דו אליין'. דו נעמסט די דורכפאל און מאכסט עס פאר א דורכפאל. דו קענסט נעמען די דורכפאל און זיך בויען, און גיין ווייטער, און ארבעטן דערויף.

איי, איך בין דאך טאקע א דורכפאל? איך בין טאקע נישט טויגלעך? עס איז נישט דא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס איז געבוירן געווארן צו זיין א דורכפאל! עס איז נישט דא קיין מענטש אויף דער וועלט וואס איז געבוירן געווארן צו זיין א פעליער! דורכפעלער נעמט א מענטש בידים. נישט די עצם דורכפאל, אוודאי א מענטש פאלט דורך. קלוגע מענטשן פאלן דורך. סוקסעספולע מענטשן פאלן אדורך. מוצלח'דיגע מענטשן זענען פון דורכפעלער. דאס איז נישט די פראבלעם. די פראבלעם איז, צו דו קענסט פארטראגן דיין דורכפאל, צו מאכן א סוקסעס דערפון, מאכן אן הצלחה דערפון, זיך בויען און גיין ווייטער.

## יעדער איינער דארף מאכן סוקסעס לויט זיינע נאטורן און טאלאנטן

עס מאכט זיך אמאל א מענטש זאגט: עס איז דא קאטאגאריעס פון מענטשן, איך בין אזא פשוטע, איך בין פון די שוואכערע סארט מענטשן...

וואס מיר וואלטן געזאגט פאר אזא מענטש: מסכים. אלא מאי דיין טאלאנט, דיין הצלחת החיים, איז, מיט די נשמה און גוף, און טאלאנטן, און כוחות, וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן. אבער דאס איז נישט קיין דורכפאל. דאס איז נישט קיין פעליער. נעם ארויס די שטערקסטע און די שענסטע וואס דו קענסט פון דיין מצב אין לעבן.

## נישט ווערן דערשראקן פונעם דורכפאל - גיין ווייטער ביז די הצלחה

עס איז געקומען צו מיר א ביזנעס אינגערמאן: וואו ער לייגט א האנט אין ביזנעס, עס גייט עס גייט, עס פאלט אדורך. ער פארלירט שותפים, ער פארלירט ארבעטערס, ער פארלירט חברים.

די תירץ איז: ווייל דער אינגערמאן גייט אזוי, עס איז 'חכמתו מרובה ממעשיו'. עס פאלט איין א מורא'דיגע חכמה, און ווען מען הייבט אן

ארויסברענגען מן הכח אל הפועל, פון מחשבה צום מעשה. טרעפן זיך מענטש'ן מיט שטארקע דורכפעלער. און דארט פאלט ער אוועק. אנשטאט נעמען די דורכפאל און בויען דערויף. גיי ווייטער! איך בין אן איש מוצלח. איך האב כוחות. איך בין מיר, און איך גיי האבן דורכפעלער. און איך גיי זיך בויען אויף מיינע דורכפעלער. וויפיל טאלאנט, וויפיל כוח, וויפיל מוח, איך האב. אזויפיל גיי איך מצליח זיין. און איך דארף נישט מער. אבער איך בין נישט קיין דורכפאל. איך בין נישט קיין פעליער. קען מען מורא'דיג מצליח זיין. און מען איז מצליח.

די פראבלעם איז נאר ווען די שותף קומט און זאגט: עס האט דאך נישט קיין פשט וואס דו טוסט דא. איך ווארט שוין 3 וואכן זאלסט עפעס טוהן, דריי וואכן דארף עס נעמען?

אוי! מיין שותף וויל מיר שוין אפלאזן. אוי, מיין שותף האט איינגעזעהן מיינע שוואכקייטן. ער איז דאך אזוי גערעכט, איך האב דאך די שוואכקייטן.

דו ווייסט וואס דו דארפסט טראכטן און ענטפערן? מיין טייערע שותף! עס גייט נעמען 3 וואכן, יא! עס קען זיין עס נעמט ביי מיר 3 וואכן, עס קען זיין עס דויערט ביי מיר 6 וואכן, אבער צום סוף וועל איך עס מאכן. דאס בין איך. אזוי ארבעט איך, איך ארבעט אויף מיר צו ווערן בעסער, און איך גיי ווערן בעסער, איך גיי אנקומען. דו ווילסט נישט זיין מיין שותף? מוזט נישט! קענסט ארויסציען.

ווער נישט פארלוירן. רוף דיך נישט קיין פעליער. רוף דיך נישט א דורכפאל. הייב זיך נישט אן בוקן צו אים. וואס עפעס? דו האסט דיינע כוחות. דיינע טאלאנטן. און דו בויעסט דיך דערויף. מיט דיינע דורכפעלער.

א דורכפאל איז נישט קיין דורכפאל, נאר, אויב איך וועל עס מאכן פאר א דורכפאל. אויב איך וועל עס מאכן פאר א סוקסעס, איז עס נישט קיין דורכפאל.

## א בעל תפלה זאל זיך נישט דערשרעקן פונעם דורכפאל נאר ציען ווייטער

א מענטש דאווענט פארן עמוד. און ער לייגט אראפ א לכו נרננה. אזאנס און אזעלכעס. עס איז דא בעלי תפילות וואס אינמיטן שפירט ער א קראץ אין האלז. און ער האט געגעבן א ציה ארויף און עס איז נישט געגאנגן, ער האט געמוזט אראפלאזן, ער הייבט אן כיפער'ן דאס דאווענען, ער הייבט אן אנטלויפן, ער האט שוין געהאט א דורכפאל, ער שעמט זיך שוין, ער קען נישט אוועקשפאצירן פונעם עמוד, ער מאכט א דיזעסטע"ר, ער מאכט אן איבערקערעניש פון די דאווענען. אויב א דורכפאל, בין איך שוין עד הסוף. עס איז דא א צווייטער, ער ציהט ווייטער, נאכאמאל א קראץ, נאכאמאל פראבירט ארויפצוגיין נישט געלונגען, פראבירט ער אויף אן אנדערע וועג, אבער ער רעכט אפ א דאווענען. ער דרייט זיך אויס, און גיט אזא שאקל צום עולם: נו, איז עס גוט געווען? מחיה געווען! האסט דאך געהאט דורכפעלער? איך האב נישט געהאט קיין דורכפאל. יא, עס מאכט זיך אז מען דאווענט ביים עמוד און עס קראצט, עס מאכט זיך מען וויל ארויפציען און עס גייט נישט, וואס איז? דאס איז א בעל תפילה! איך בין א בעל תפילה מיט דורכפעלער, אוודאי, וואס איז? אבער איך אנערקען נישט די דורכפאל אלץ דורכפאל. איך דערקען אפשר אז איך דארף גיין נאכאמאל צו די לעסענס, זיך לערנען מיט די קול געוויסע זאכן. אפשר וואלט איך געדארפט בעסער טרינקן פאר איך דאווען פאר'ן עמוד וכדומה. אוודאי מען קען זיך לערנען. מען דארף זיך לערנען. ווייל דאס שטייט: אל תאמין בעצמך עד יום מותך. איך לערן זיך, איך בין נישט פארזיכערט אויף מיר.

אבער, ויגבה לבו בדרכי ה'! איך האב געוואלדיגע כוחות. קיינער קען מיר נישט צעטרעטן. איך ווער נישט צעטרעטן.

## אפילו מען טויג נישט - גיין ווייטער ביז מען וועט טויגן

אויב איינער קומט צו דיר און זאגט דיר: וואס האסטו געעפנט דעם געשעפט? דו טויגסט נישט אויף דעם! דיין תשובה איז נישט: "איך טויג יא!". נאר: "קען זיין איך טויג נישט. איך גיי מיך לערנען. און איך וועל האבן דורכפעלער, און אזוי וועל איך וואקסן, און נאכדעם וועל איך טויגן, אוודאי וועל איך טויגן!".

"פון וואו ווייסטו אז דו וועסט טויגן?".

ווייל דאס האט דיר געצויגן, און דארט האט דיין הארץ געוועוען, און עס איז נישט געוועוען קיין דמיונות, האסט עס דורכגערעדט מיט קלוגע מענטשן, עס האט געשטימט אז מען קען עס טוהן. די שאלה איז נאר צו איך גיי זיין א דורכפאל?

## וויאזוי זיך צו שטארקן פון א שותף אין לעבן וואס צעקלאפט

עס מאכט זיך אויך, ביי א מענטש ביי זיך אינדערהיים. אסאך מענטשן ווערן צעקלאפט פון א שיתוף, א מאן פון א פרוי, א פרוי פון א מאן: "דו טויגסט נישט, קענסט נישט, דו פארשטייסט נישט!"... עס מאכט זיך נעבעך אין שותפות מען קלאפט זיך איינער דעם צווייטן.

קיינער קלאפט דיר נישט. דו קלאפסט דיך אליין. אויב איינער זאגט דיר: "דו וואש נישט קיין פלאר'ס, דו מאכסט מער שמוץ ווי וואשן!". "ניין. איך וואש יא פלאר'ס! אזוי וואש איך די פלאר, און אמאל, קען זיין טאקע אז עס ווערט שמוץ, איך וועל מיך לערנען צוביסלעך, נעקסטע מאל וועט זיין ווייניגער

שמוץ! און אז עס וועט זיין איביסל שמוץ, וואס איז?!"... ווער נישט פארלוירן אויב מען האט געזאגט אז איך טויג נישט. מען קוקט מיך אראפ. מען צעקלאפט מיך. ניין! ווער נישט צעקלאפט. נישט באהאלט דעם אמת. די אמת איז אמת, עס איז אבער נישט קיין דורכפאל. מענטשן האבן דורכפעלער. מען מעג האבן דורכפעלער. און דורכפעלער העלפט וואקסן.

געדענק, חזר דיר די ווערטער: "מיין סוקסעס זענען מיינע דורכפעלער, מיינע דורכפעלער בויען מיר. מיינע דורכפעלער רוקן מיר פון איין שטאפל צום צווייטן!". איך גיי נישט מאכן דורכפעלער?! אוודאי גיי איך מאכן דורכפעלער!

*

"יא. אבער דער אייבערשטער האט מיר באשאפן שוואך?!".

דער אייבערשטער קען זיין האט דיר באשאפן שוואך. איך זאג דיר נישט וויאזוי דער אייבערשטער האט דיר באשאפן, דו ווייסט אליין. אבער דער שוואכער מענטש איז א סוקסעספולער מענטש. א טאלאנטפולער מענטש. נישט קיין חילוק צו ער איז אזוי שוואך, צו אזוי שוואך.

*

זייער אסאך מענטשן זאגן מיר: מען גייט צו שטודירטע מהלכים, און מען זאגט: "קוק אהער, דו ביסט אזא קאטאגאריע מענטש, דו ביסט אזוי, און דו דארפסט פארשטיין, און דו דארפסט קוקן דערויף, דיין טאטען, דיין מאמען, דיין בעקראנד, דיינע מלמדים... דו דארפסט פארשטיין"... רבותי! מיר דארפן פארשטיין נאר איין זאך: אני מאמין באמונה פשוטה אינעם רבונו כל עולמים. יעדער מענטש האט א תפקיד אויף דער וועלט. יעדער מענטש האט א טאלאנט. קיינער איז נישט קיין פעליער. קיינער, קיינער, קיינער, איז נישט קיין דורכפאל! איך קען מיך מאכן פאר א פעליער. איך קען מיך מאכן פאר א

דורכפאל. איך קען מיך מאכן פאר א סוקסעספולער מענטש. פאר א מוצלח'דיגער מענטש. עס איז בידי! וואו איז עס בידך? אז מען ווערט נישט פארלוירן פון דורכפעלער. מען ווערט נישט פארלוירן פון מאכן א טעות. מען ווערט נישט פארלוירן פון כאפן אין קאפ אריין, פון קיינעם נישט.

## וויאזוי א בחור אין ישיבה מאכט סוקסעס פון זיין דורכפאל

לאמיר אראפשטעלן נאך א דוגמא: א בחור איז אין ישיבה, מען פארהערט סוף וואך, ער האט געמיינט ביי זיך ער קען, און... ער קען נישט! איז דער מגיד שיעור, צו דער משגיח, דער מנהל, געבט אים א פסק. ער קען אויפגעבן, ער קען פארשעמט ווערן, ער קען פארלוירן ווערן, ער קען פאר-מרה-שחורה ווערן. עס איז בידו, ער האט א בחירה. אבער ער קען טוהן נאך א וויכטיגע זאך. ווייסט וואס? ער קען טראכטן ביי זיך: אזוי קומט מען אן. קיינער קען נישט ש"ס אן קיין דורכפעלער. קיינער קען נישט קענען יעדע וואך ביי די פארהער אן קיין דורכפעלער. און יעדער קען ביי די פארהער, אמאל יא, און אמאל נישט. איך גיי מיך בויען מיט דעם. איך האב געכאפט א פסק? זייער גוט! איך וועל פראבירן נעקסטע וואך בעסער, און אז איך וועל נאכאמאל נישט קענען, וועל איך פראבירן די אנדערע וואך נאך בעסער. און אז נישט וועל איך אנערקענען, אז אזוי קען איך. און עס געשעהט גארנישט! איך קען יעדע וואך די גמרא מיט געוויסע פראבלעמען, מיט געוויסע זאכן, אבער איך טוה וויפיל איך קען, וואס איך קען, מיט מיין סוקסעס. מיט אן הנאה. מיט א מורא'דיגע שטארקייט, מיט א זיכערקייט, מיט א רואיגקייט, צום סוף וועסטו זיך טרעפן אין סוקסעס. די סוקסעס פראצענטיש וועט ארויפגיין, און די דורכפאל פראצענטיש וועט אראפגיין.

## מען מאכט קידוש און הבדלה אויף ווין צו ווייזן אז מען בויעט זיך נאר אויף דורכפעלער

רבי **יוסף נחמיה קארניצער** זצ"ל, צווישן די דרשות שבת הגדול, שרייבט ער אזוי: די גמרא ברענגט (מסכת שבועות יח) אמר רבי יהושע בן לוי... דער רבי יהושע בן לוי, וואס ער האט געלערנט תורה מיט אליהו הנביא, וואס האט אזויפיל אויפגעטוהן פארן כלל ישראל, אזויפיל חיזוק געגעבן פארן כלל ישראל. דער רבי יהושע בן לוי זאגט: ווען איינער מאכט הבדלה אויף וויין מוצאי שבת, וועט ער האבן קינדער בעלי הוראה, אזוי ווי עס שטייט: **ולהבדיל בין הקודש ובין החול ולהורות את בני ישראל.** וואס האט שייכות מאכן הבדלה, מיט האבן קינדער בעלי הוראה, און וואס עפעס כאפט ער אן דווקא ווען איינער מאכט הבדלה 'אויף וויין', וואו קומט אריין דא וויין?

ברענגט רבי יוסף נחמיה קארניצער מורא'דיגע ווערטער. חז"ל זאגן, מען דארף געדענקן דעם שבת, **זכות את יום השבת לקדשו, זכרהו על היין**, זאלסט געדענקן דעם שבת אויף א כוס וויין, מען זאגט קידוש אויף וויין. די גמרא ברענגט (ברכות לה:) אז וויין, כאטשיג עס קומט פון א טרויב, וואס אויף א טרויב מאכט מען א **בורא פרי העץ**, אבער אויף די וויין דערפון מאכט מען א **בורא פרי הגפן**. פארוואס האט עס אן עקסטערע ברכה? ווייל עס איז משתנה למעליותא, עס איז פארענדערט געווארן אויף בעסער ווי ער איז געווען, דורך מענטשן. דהיינו, מען האט גענומען די טרויבן, מען האט אים צעקוועטשט, מען האט אים צעטרעטן, מען האט אים געלאזט אויפקאכן, און ער איז געווארן א בעסערע זאך ווי ער איז געווען אלס טרויב, ער איז געווארן וויין, יין ישמח לבב אנוש, ער איז געווארן גאר א חשובע געטראנק, קומט אים אן עקסטערע ברכה. וויין! ער איז נשתנה למעליותא.

זאגט רבי יוסף נחמיה: וויין איז א מוסר השכל פארן כלל ישראל, כלל ישראל איז נמשל צו א **גפן**, ער איז א טרויב, ער איז בכלל נישט קיין געטראנק. מען נעמט דעם טרויב וואס עס איז באשאפן געווארן א פרי, מען איז אים

משנה, מען גייט אים אויסקלאפן, מען גייט אים צעטרעטן, מען גייט אים לאזן אויפקאכן, און ער גייט ווערן אנדערש פון וואס ער איז באשאפן געווארן. פון א טרויב, א פרי, - א געטראנק. נאך סאך בעסער ווי וואס ער איז געווען בשעת ער איז באשאפן געווארן.

## שבת און יום טוב איז די צייט וואס א מענטש קען זיך פארבעסערן

יעדער מענטש קען ארויסנעמען א תכלית פון זיך אליין, צו ארויסנעמען און מאכן אן השתנה למעליותא. ער קען זיך משנה זיין אנדערש פון וואו ער איז געבוירן געווארן, צו ווערן בעסער. דער הייליגער באשעפער האט אונז געגעבן צייט אויף דעם, שבת און יום טוב. מען איז נישט עוסק אין די אלע עולם הזה'דיגע זאכן, און מען האט צייט זיך אריינצוטוהן צו וואקסן, צו שטייגן, דורך צוטוהן זאכן, אנצוקומען אויף א גרעסערע מדריגה.

גלייך, ווען עס קומט אריין שבת, וויל מען דערמאנען פאר א מענטש: געדענק וואס דו גייסט טוהן שבת! נעם א בעכער, פיל עס אן מיט וויין, און דערמאן קדושת שבת אויף וויין. ווייל דו גייסט דעם שבת נשתנה ווערן למעליותא, דעם שבת גייסטו אריינטראכטן פון דיינע סוקסעספולע עבודת הקודש פון א גאנצע וואך, פון דיין הצלחת החיים, וואו דו קענסט דיך אויפהייבן, פון דיינע טאלאנטן, פון דיינע כוחות וואס דער הייליגער באשעפער האט דיר געגעבן. דו ווערסט דאנקן דעם אייבערשטן דערויף, און דו ווערסט זיך אריינטוהן דערין. און ווען עס קומט מוצאי שבת ווערסטו נאכאמאל נעמען וויין, דיך צו דערמאנען: געדענקסט ערב שבת, ווען מען האט גענומען די וויין, האסטו געדארפט אריינלייגן כוחות זיך צו דערמאנען אז מען קען נשתנה ווערן למעליותא? נעם עס מיט א גאנצע וואך, פאל נישט אוועק, בוי דיך! הבדלה על היין.

ווייסט וואס עס איז די שכר אויף דעם? ער וועט האבן קינדער בעלי הוראה! ווייל אז א מענטש גלייבט: איך האב כשרונות. יעדער ווערט באשאפן ווי א טרויבעלע. יעדער ווערט באשאפן איין וועג. און ער קען זיך מאכן סאך בעסער.

ווי אזוי?

דורך דורכפעלער!!

וואס איז די דורכפעלער פון די טרויבן? שטארקע דורכפעלער! א טרויב וואקסט אויף א בוים וואס איז שטארק און גרויס און הויך?! ניין!! אויף דינע צווייגן וואס קענען זיך אפילו נישט האלטן אין די הייך, מען מוז נעמען שטארקע שטעקענעס, אריינהאקן אין די ערד. נעמען שטריקן, ארומבינדן. און אזוי קריכן ארויף די טרויבן, קוים, שוואכע צווייגעלעך. די טרויב וואקסט אויף די בוים, און מען לאזט אים אויף די בוים לענגער ווי אנדערע פירות, כדי די זון זאל אריינבאקן און ארויסברענגען די צוקער דערפון. ער ווערט שוין אביסל - ווי מען זאגט - פארטריקנט. דערנאך נעמט מען דעם טרויב, און מען לייגט אים אריין אין א קראשער, מען קראשט אים, מען צעמאלט אים, מען צעטרעט אים, און נאך ערגער פון דעם איז, מען מאכט אים אינדערמיט אז ער זאל נישט זיין, פאר פערציג טעג, ראוי אויף גארנישט. ער איז עסיג. ער קאכט. ער האט נישט קיין טעם. עס איז נישט מעגליך, יעצט קען מען אים נישט ניצן, נישט פאר קיין פרי, און נישט פאר קיין געטראנק.

אהה! ביסט דורכגעגאנגען די אלע דורכפעלער, די אלע שוועריגקייטן? אהה, א **בורא פרי הגפן**, נשתנה למעליותא! אזוי וואקסט מען. אויף די שוועריגקייטן, אויף די שוואכקייטן, וואקסט מען. ווען איינער קוקט אויף א טרויבן-בוים, קען זיך נישט גלייבן אז דא וואקסן די 250 דאלערדיגע פלעשליך וויין. וואס? אין די

קליינע צווייגעלעך דא?! יא! אין די קליינע צווייגעלעך! אין די קליינע צווייגעלעך. דאס איז די ריכטיגע סעלף-קאנפידענס וואס א מענטש דארף צו האבן.

## סעלף-קאנפידענס ביים הערן א שלעכטע בשורה ל"ע

עס איז דא א **ירושלמי** אין מס' ברכות. זאגט די ירושלמי, ווען א מענטש קומט אהיים פון די וועג, און ער הערט שרייען, ער הערט קולות, זאל ער זאגן: בטוח אני, איך בין פארזיכערט, אז עס איז נישט ביי מיר אינדערהיים, אזוי ווי הלל הזקן האט געזאגט, **משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה'**, איך האב בטחון, איך גלייב אז עס איז נישט ביי מיר אינדערהיים, ע"כ. פרעגט רבי **משה אריה לייב הלוי ליזש-רויזנבוים** ז"ל פון די גרויסע דיינים אין פרעשבורג, אינעם ספר **מתא ירושלים**, וויאזוי קען א מענטש אזוי זאגן? אפילו א צדיק-גמור קען נישט זיין פארזיכערט אויף די וועלט אז עס געשעהט גארנישט צו אים, קיינער ווייסט נישט.

אויף דעם ענטפערט ער מורא'דיגע ווערטער. דא שטייט א מענטש, ער קומט אריין אין שטאט, ער הערט קולות, און מען דארף חיזוק. זאגט די גמרא: די אלע מענטשן קענען זיך מחזק זיין, און זאגן: "עס איז נישט ביי אונז, עס איז זיכער נישט ביי אונז!", זארגט זיך נישט, ביי ענק שרייעט מען נישט, און בכל אופן, אונז האבן די בטחון, עס איז נישט ביי אונז. און אז מען קומט אן אהיים, און מען זעהט ח"ו אז יא, איז יא. מען מעג זיך בארואיגן און זיך מחזק זיין מיט זאגן די ווערטער! אזוי ברענגט דער מתא דירושלים.

## מען איז נישט קיין דורכפאל פון דורכפעלער בעניני רוחניות

די רעין דערפון איז הפלא ופלא! די רעיון דערפון איז: וואס מען זעהט אין א בריוו וואס הרה"ק **בעל דברי אמונה פון תולדות אהרן** זצוק"ל שרייבט פאר

איינע פון זיינע תלמידים, א בחור, זאגט ער אזוי: מען זעהט אין ספרי חסידות, אז ווער עס וויל דווקא שפירן א טעם און א זיסקייט אין עבודת ה', דאס רופט זיך **'עבודה עצמי'**, ער דינט 'זיך', ווייל דינען דעם אייבערשטן איז נישט קיין חילוק צו מען שפירט צו מען שפירט נישט. אויב שפירט מען, איז עס אן **עבודת מתנה אתן את כהונתכם**, עס איז א מתנה וואס דער אייבערשטער געבט פאר ענק אז מען קען שפירן. אונזער עבודה איז נישט - **'פילן'**, אונזער עבודה איז: דינען דעם הייליגן באשעפער, יא הרגש, נישט הרגש. אן קיין התפעלות! איך טוה די עבודת ה' ווייל דאס איז די רצון ה', און איך וויל טוהן די רצון ה'. אז דער הייליגער באשעפער געבט דיר א מתנה אז דו שפירסט אויכעט, פיין. אוודאי א מענטש קען מתפלל זיין דערויף, און הארעווען דערויף, און בעטן דעם אייבערשטן דערויף, כי לא לעולם יזנח ה', דער הייליגער באשעפער וועט אננעמען זיינע תפילות, און אים ערגעץ אריינגעבן א גוטן טעם. אבער טאמער ווילסטו פילן א טעם - ברענגט ער פונעם הייליגן **בעל התניא** זצ"ל - דעמאלסט פאלט מען אדורך.

פארוואס?

ווייל איך וויל פילן א טעם, און איך פיל נישט, פאלט מען אראפ. קומט אויס, אז דו האסט מפקיר געווען דיין עבודת הקודש, צו דיין ברירה אז דו ווילסט פילן א טעם, און אז דו פילסט נישט קיין טעם, גייסטו דורך פאלן.

אבער טאמער פארקערט, א מענטש זאגט: איך בין מיך מפקיר צום הייליגן באשעפער, איך טוה די מצוות ה' בכל אופן שבעולם, איך דין דעם אייבערשטן, איך רעדט צום אייבערשטן, איך לעב מיטן אייבערשטן, איך בין מקיים אלעס מיט א מורא'דיגע פונקטליכקייט, און אז דער הייליגער באשעפער העלפט איך פיל א טעם וועל איך מורא'דיג הנאה האבן. דעמאלסט פאלט מען קיינמאל נישט אדורך.

אונז שטיי מיר נישט יום כיפור ביים דאווענען, און זאגן פארן אייבערשטן: "איך האב נישט געזונדיגט! פארשטיי מיך אז איך האב נישט געזונדיגט, איך האב נישט געוואלט זינדיגן!". ניין! רבוש"ע! על חטא שחטאנו לפניך, על חטא שחטאנו לפניך, איך האב יא געזונדיגט. נו, וואס איז? איך בין א בשר ודם! איך בעט פונעם הייליגן באשעפער, זיי מיך מוחל, איך בין נישט קיין דורכפאל ווייל איך האב אזויפיל על חטא'ס! מען קען דאך אריינפאלן אין אן עצבות און מרה שחורה ווען מען לייענט נאר אדורך די אלע על חטא'ס. ניין, א איד פאלט נישט אין קיין עצבות, אין מרה שחורה! יא, איך האב געזונדיגט, איך האב געזונדיגט, איך האב געזונדיגט, הייליגער באשעפער! עס איז דאך דא א מקום תשובה צו טוהן, עס איז דאך דא א מקום וואו זיך אויפצובויען און צו וואקסן, דורך די דורכפעלער וואס רופט זיך 'חטאים'. איך קען פילן א טעם אין עבודת ה', אבער דאס גייט מיך נישט מאכן קיין דורכפאל. איך בין נישט קיין דורכפאל ווען איך שפיר נישט קיין טעם אין דאווענען, ווען איך קען נישט מכוון זיין ביי שמונה עשרה, מיינע מחשבות לויפן ארום, איך בין נישט קיין דורכפאל. עס איז א דורכפאל? אוודאי! ווייל א איד דארף קענען זיין אין א מדריגה פון משה רבינו, אבער צו די דורכפאל גייט דיך מאכן פאר א דורכפאל, דאס איז שוין בידך. איך קען עס אנקוקן איך וויל פילן א טעם, איך וואלט געוואלט. איך וואלט געוואלט זיין די מדריגה. אבער אז איך בין נישט, מאך איך א סוקסעס פון וואו איך בין, און איך בוי מיך. א דורכפאל איז נישט קיין דורכפאל, נאר אויב איך רוף עס דורכפאל. אויב איך לייג ארויף דעם שטעמפל דורכפאל. אויב איך טוה פעולות וויאזוי דורכגעפאלענע מענטשן זעהן אויס נאך א דורכפאל. אבער אויב איך גיי ווייטער, און איך בוי מיך, א מחיה!

עס איז דא א מגיד שיעור, וואס ער לערנט פאר א שיעור, און א בחור פרעגט א קשיא: "מגיד שיעור האסט עפעס נישט גוט געזאגט, איך האב א הארבע שאלה!". עס איז דא א מגיד שיעור וואס גייט ווערן ווילד, פארלוירן

ווערן, כעס'עריש, שרייעדיג, פארלוירן, מרה-שחורה. און עס איז דא אמאל א מגיד שיעור וואס וועט זאגן: "בחור טייערע, האסט געפרעגט א מורא'דיגע גוטע קשיא, איך האב באמת הנאה, איך האב טאקע נישט גוט געזאגט. בחורים טייערע! ער האט מיך מעורר געווען, ער איז גערעכט, קום איך גיי ענק איבערזאגן די שיעור!". דאס איז א סוקסעפולע מענטש. א דורכפאל איז נאר א דורכפאל אויב דו מאכסט עס פאר א דורכפאל. אויב דו מאכסט עס נישט פאר קיין דורכפאל איז עס נישט קיין דורכפאל.

געדענקט! די סוקסעספולע מענטש זענען געבויעט אויף דורכפעלער. מען פאלט נישט פון קיין דורכפאל, מען פאלט נישט ווייל דו קוקסט זיך אן: "איך האב געוויסע חולשות אין לעבן!". איך ווייס נישט צו די חולשות זענען אמת אז דו האסט עס, צו נישט. אבער איין זאך ווייס איך יא: די חולשות האט דיר די אייבערשטער געגעבן מיט סוקסעס. מיט טאלאנטן. מיט כוחות. דו קענסט גיין.

## די צווישנשייד צווישן איינזעהן 'דאס איז נישט פאר מיר' און צווישן זיך בויען אויפן דורכפאל און גיין ווייטער

וואס גייסטו מיך פרעגן? "אבער, ווער זאגט איך דארף זיין א מלמד?". "ווער זאגט איך דארף זיין א מגיד שיעור?". און "ווערט זאגט איך דארף פירן א ביזנעס? אפשר דארף איך זיין א טעקסי דרייווער?!".

איך ווייס נישט וואס די תירוץ אויף דעם איז. אבער איך גיי דיר זאגן איין זאך: קוק אויף דיינע מחשבות, אזוי וועסטו זעהן וואס די אמת איז. אויב דיין מחשבה איז א פאזיטיווע: איך שרעק מיך נישט פון קיין דורכפעלער. איך בוי מיך פון דורכפעלער. איך ווער נישט צעקלאפט פון דורכפעלער. קיינער קען מיר נישט צעקלאפן אויף מיינע דורכפעלער. קיינער קען מיך נישט צעקלאפן אויף וואסערע טאלאנטן, וואסערע מח, וואסערע גוף, וואסערע באשעפעניש, דער הייליגער באשעפער האט מיר באשאפן. קיינער קען מיר אפילו נישט

ארייַנלייגן קיין שום יאוש אין דעם. פארקערט, וואו מער מען פארצייַלט מיר די נעגעטיוו, ווער איך מער פאזיטיוו, און מער שטארק, און מער מחוזק, ווייל אזוי גיי איך מיר בויען. און נאכדעם ביסטו מחליט: דו ביסט נישט פאר די ארבעט. קען זיין. איך וועל מיך נישט דינגן.

אבער טאמער די מחשבה גייט: ווייל איך בין א פעליער. ווייל איך בין א דורכפאל. און ווייל איך פאל אריין. און ווייל איך בין נישט מצליח. וואו דו וועסט גיין, גייסטו טראכטן די זעלבע מחשבה. עס איז א סוויטש אין קאפ.

## צום שלוס:

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! לאמיר זיך מחזק זיין! האבן דעם סעלפ-קאנפידענס. זיך נישט לאזן צעקלאפן פון קיינעם. נישט פון קיין שותפים. נישט פון קיין מענטש אין די וועלט. קיינער, קיינער, קען מיר נישט צעקלאפן. איך בין וואס איך בין. איך האב די טאלאנטן צו זיין אויף די וועלט, ווייל יעדער האט טאלאנטן. איך האב א תפקיד. איך האב כוחות. איך האב באהאלטענע כוחות. איך קען נשתנה ווערן.

אבער, א דורכפאל גייט מיך נישט צעגרינד לייגן. איך בוי מיך אויף דורכפעלער. דורכפעלער זענען סוקסעס. איך בין א סוקסעספולער מענטש אין וואס איך טוה. וויאזוי איך טוה. דאס איז: **ויגבה לבו בדרכי ה'!**

**אל תאמין בעצמך עד יום מותך?** יא! עס איז אלס דא א מצב צו שטייגן. עס איז אלס דא א מצב צוצוקומען. איך בין נישט קיין בעל-גאווה. איך בין א מקבל. איך קען אננעמען פון אנדערע. אבער, איך בין א 'גברא' - א מענטש! איך ווער נישט דערשראקן ווען איינער זאגט מיר: "דו גולם!". **"קען זיין איך בין א 'גולם' - אבער איך בין א 'סוקסעספולער גולם'! איך בין א 'געלונגענער גולם'!"**.

דאס איז די **'סעלפ-קאנפידענס' מן התורה - די 'זעלבסט-זיכערקייט'!**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! לאמיר רעדן צום אייבערשטן. דאווענען צום אייבערשטן. לעבן מיט אמונה פשוטה אינעם בורא כל עולמים. און אונז וועלן אלע מצליח זיין בכל מעשה ידינו. אמן כן יהי רצון.